מיוחד לרגל התורה הזמנית
• תקעו אמונה •
לקראת ראש השנה הבעל"ט

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קנ"ד

**יו"ל: כ"ג אלול ה'תשפ"ה לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


'העיקר הוא האמונה'

אמונה - א גרויסע זאך

ער קען זיין א פרומער אויך...

'ויהי ידיו אמונה'

עס העלפט נישט קיין שרייען

מיט א דאקטער קען ער אויך העלפן...

א ברוס פון הארצן

'ברישא חשוכא והדר נהורא'

איבערגעבעטן דעם איידעם

דער גוף - א צרה

'אמלאה החרבה'

'קשים גרים לישראל כספחת'

'גַּאֲוָה אֲפִיקֵי מָגִנִּים'

'במופלא ממך אל תדרוש'

דערקוויקן

חלום על־ידי מלאך

'שבעה אקלימים'

מכניע זיין די שֵׁדים

'שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ'

'וּכְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא'

'ציון במשפט תפדה'


---


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם,
וכמו־כן כדי לקבל את
הקונטרסים דרך הדואר (בכל
שבועיים) במחיר חודשי של 30$
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

---

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על־ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
לשמיעת השיעור
המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #154**

בס"ד

# תקעו-אמונה (ח"א)

**שיעור ליקוטי מוהר"ן, תמוז שנת תשל"ז**

(טייפ מס' 251# - 253#)

## 'העיקר הוא האמונה'

(שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא סימן ה' - "תקעו אמונה")

(אות א') **זאגט דער רבי: "העיקר הוא האמונה, וצריך כל אחד לחפש את עצמו, ולחזק את עצמו באמונה"** - די אמונה קען ווערן טיפער.

דער רבי ברענגט אין תורה כ"א[א] - קעגן דעם 'דעת': "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים. אזוי פון אויבן-אויף זענען אלע גליך, אבער אין דער טיפקייט איז דא א חילוק, "כמים לים" - דא איז דער יַם טיפער, דא איז דער יַם נישט אזוי טיף; אזוי אויך, אין 'דעת' איז דא א חילוק צווישן דעם און דעם.

דאס אייגענע איז אין 'אמונה' אויך; פון אויבן-אויף איז אמונה - אלע אידן גלויבן אין אויבערשטן, אבער אין דאס עמקות האמונה איז דא חילוקים.

דער רבי זאגט אין תורה ל"א[ב]: "אֵין קיום אמונה נאר דורך ברית"; וואס דער מענטש האלט מער אין 'תיקון הברית', איז די אמונה ביי אים טיפער און שארפער.

"דער עיקר איז די אמונה".

---

[א] אות י"א: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", כִּי בְּהַשֵּׂכֶל הַמְשֻׁתָּף יִהְיוּ כֻּלָּם שָׁוִים, שֶׁהַכֹּל יֵדְעוּ אֶת ה', אֲפִלּוּ עַכּוּ"ם, **אַךְ בְּעַמְקוּת הַחָכְמָה יִהְיֶה כָּל אֶחָד לְפִי מַדְרֵגָתוֹ, כַּמַּיִם הַמְכַסִּים לַיָּם**, שֶׁלְּמַעְלָה הַמַּיִם שָׁוִים בְּכָל מָקוֹם, **אַךְ בְּעַמְקוּת הֵם מֻבְדָּלִים מְאֹד**, כִּי בְּזֶה הַמָּקוֹם הַמַּיִם נְמוּכִים וּסְמוּכִים לָאָרֶץ, וּבְמָקוֹם אַחֵר עֲמֻקִּים יוֹתֵר וְיוֹתֵר, וּבְמָקוֹם אַחֵר הֵם עֲמֻקִּים עַד הַתְּהוֹם, **כֵּן יִהְיֶה בְּהַשָּׂגַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לֶעָתִיד**.

[ב] אות ג'.

**רבי נתן שרייט אין א תפילה[ג]: "תן לי אמונה" - גיב מיר אמונה! ער האט געוואוסט וואס הייסט "אמונה"; "דער עיקר איז די אמונה".**

**טאמער עפעס א פגם, וואספארא פגם עס זאל נאר נישט זיין, דערלאנגט עס שוין צו דער אמונה, ווערט שוין די אמונה נישט אזוי גאנץ; וואספארא פגם עס זאל נאר נישט זיין, א פגם אין דיבור, א פגם אין ראיה, דערלאנגט עס שוין אין דער אמונה, ווערט שוין א פגם אין דער אמונה, איז שוין די אמונה נישט בשלימות ווי עס דארף זיין[ד].**

**דער רבי זאגט: "וצריך כל אחד לחפש את עצמו" (וכו'). צו ווע‏מען האט דער רבי געזאגט דער תורה?! אזעלכע צדיקים זענען געזעצן ביים טיש, עס זענען געזעצן דעם רבי'נס תלמידים, צדיקים געוואלדיגע, און דער רבי האט געזאגט די אייגענע תורה - "דער עיקר איז די אמונה" "דער עיקר איז די אמונה".**

**"יעדער איינער דארף זיך ארומזוכן 'וואו האלט איך אין דער אמונה'.**

**"ולחזק את עצמו באמונה" - און זיך מחזק זיין!**

**ווייל אז ער וועט ארומזוכן זיך, וועט ער זעהן אז ער איז ווייט, דארף ער זיך מחזק זיין, נישט אראפפאלן ביי זיך[ה].**

**אבער דאס אליין איז אויך א זאך; איך זאל זיך דען איינרעדן - 'איך בין דער מאמין בה"?! פון אויבן-אויף זענען מיר טאקע מאמינים בה', אבער דאס 'עמקות האמונה'...**

---

[ג] עיין ליקוטי תפילות - תפילה ק"ט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ דְעָלְמָא כֹּלָּא, 'ה' עֵינֶיךָ הֲלוֹא לֶאֱמוּנָה', **תֶּן לִי אֱמוּנָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת.** רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יוֹדֵעַ כָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל כָּל הָעוֹלָם בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁהוּא יְסוֹד הַכֹּל, **וּבִפְרָט מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ שֶׁהֵם כֻּלָּם מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן יֵשׁ אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מַדְרֵגוֹת בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה.**

[ד] עיין ליקוטי הלכות הל' הלואה ה"ד אות ו': וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁכָּתוּב בַּכְּתָבִים בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת שֶׁכְּשֶׁיֵּשׁ פְּגָמִים בָּעוֹלָם אֲזַי הָאֱמוּנָה בְּחִינַת מַלְכוּת נִקְטֶנֶת.

[ה] עיין פרפראות לחכמה שם: וצריך כל אחד לחפש את עצמו ולחזק את עצמו באמונה וכו'. רוצה לומר כי לפעמים אם האדם מחפש את עצמו בענין האמונה ורואה שאין אמונתו שלימה יוכל ליפול בדעתו על־ידי־זה ולפגום באמונתו עוד יותר חס ושלום, על־כן צריך להיות החיפוש העיקר **באופן זה בכדי שיחזק** את עצמו באמונה שלימה ביותר.

וואס איז געווען ביי די צדיקים? זיי האבן געהאט די אמונה טיף, אזוי ממש בבחינת ראייה, אזוי ווי מען זעהט מיט די אויגן[י].

❖

## אמונה - א גרויסע זאך

זאגט דער רבי: "עס איז דא 'סובלי חלאים' וואס זיי האבן 'מכות מופלאות', והם סובלים החלאים רק בשביל נפילת האמונה" - זיי ליידן די חלאים נאר 'בשביל נפילת האמונה', "בבחינת (דברים כח): 'וְהִפְלָא ה' אֶת מַכֹּתְךָ מַכּוֹת גְּדֹלֹת וְנֶאֱמָנוֹת וָחֳלָיִם רָעִים וְנֶאֱמָנִים'". זאגט דער רבי: "'ונאמנים' דייקא, ווייל די 'חלאים רעים' נעמען זיך פון 'פגם אמונה', 'כי הם באים על־ידי פגם אמונה'".

זאגט דער רבי: "כי על־ידי נפילת האמונה באים מכות מופלאות, שאין מועיל להם" - עס העלפט זיי נישט - "נישט קיין רפואות, און נישט קיין תפילה, און נישט קיין זכות אבות".

אז די 'אמונה' איז געפאלן, איז דאך די 'תפילה' אויך שוואך, העלפט נישט קיין 'תפילה' אויך, ווארום דאס עיקר חשיבות פון תפילה איז דאך די אמונה - אז ער איז 'מאמין' אז דער אויבערשטער קען אים העלפן מיט וואס ער דארף. ממילא העלפט נישט - נישט קיין רפואה, נישט קיין תפילה, און נישט קיין זכות אבות - מען מוז זיך אומקערן צו דער אמונה!

---

[י] עיין לקמן הערה ז'. גם עיין ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו אות ל"ח: צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק בֶּאֱמוּנָה עַל יְדֵי שֶׁמַּרְאִין לָנוּ וּמְאִירִין בָּנוּ הַצַּדִּיקִים הִתְנוֹצְצוּת כָּאֵלֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה מְחַזְּקִין הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁמַּאֲמִינִים בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה **כְּאִלּוּ רוֹאִין בְּעֵינֵינוּ כִּי ה' אִתָּנוּ** וְכוּ'. [גם עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ג': אָמַר הַמַּעְתִּיק: שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת בַּלַּיְלָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּאוּמֶין אַחַר תְּפִלַּת עַרְבִית וְהוּא הֶאֱרִיךְ מְאֹד בִּתְפִלָּתוֹ, וְאַחַר הַתְּפִלָּה נִתְלַהֵב מְאֹד וְאָמַר לַאֲנָשָׁיו, כְּשֶׁאֲנַחְנוּ מִתְקַבְּצִים לְכָאן, בְּוַדַּאי גַּם רַבֵּנוּ זַ"ל אִתָּנוּ פֹּה בְּיַחַד, וּכְשֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל פֹּה בְּוַדַּאי כָּל הַשִּׁבְעָה רוֹעִים הֵם גַּם כֵּן אִתָּנוּ פֹּה וַיִּצְעַק בְּקוֹלוֹ, "**אִיךְ גְלויב אַזוֹי מַמָּשׁ אִיךְ זֶעה זַיי**" (אֲנִי מַאֲמִין כְּמוֹ מַמָּשׁ שֶׁאֲנִי רוֹאֶה אוֹתָם)].

אוודאי, ער גלויבט פון אויבן-אויף. אבער דער רבי רעדט אין תורה ס"ב[ז]: "דער אויבערשטער שטייט לעבן מיר און ער הערט פון מיר יעדעסווארט"; דאס איז אַן אנדערע אמונה.

דאס איז דאך די זאך; אז מען איז געגאַרט מיינט מען אז מען איז א 'מאמין'.

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[ח]: "**ביי די וועלט איז אמונה א דבר קטן, ביי מיר איז אמונה איינס פון די גרויסע זאכן!**".

יעדן איינעם אז מען פרעגט אים - זאגט ער אז 'ער גלויבט'; **אבער אז ער זאל ארייננקוקן גוט אין זיך אריין** - -[ט]

מיר זאגן דאך דריי מאל: "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ". וואס הייסט "מְלֹא"? עס איז אומעטום פול, עס איז נישטא קיין שום ארט וואס דארטן זאל נישט זיין 'אלקותו'; איז ווי קען איך טראכטן? ווי קען איך רעדן? ווי קען איך קוקן? ווי קען איך מאכן א געלעכטער? 'מלא כל הארץ כבודו', **דער אויבערשטער שטייט דאך לעבן מיר!**

דערפאר טאקע זענען צדיקים געווען צדיקים, ווארום די אמונה פון 'מלא כל הארץ כבודו' איז געווען ביי זיי אזוי גאנץ, **אז ווי קען איך זיך אפרייסן פון דעם אויבערשטן איין רגע?!** 'מלא כל הארץ כבודו'! "מלא"! "מלא"! דערפאר זענען זיי טאקע געווען צדיקים, ווייל די אמונה איז געווען אזוי שטארק.

דער רבי ברענגט אין "ספר המידות"[י]: "**הפשע מכנים כפירה באדם**".

---

[ז] אות ב': **וּבֶאֱמֶת אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'** (יְשַׁעְיָה ו), **וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה. וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו.**

[ח] שיחות הר"ן אות ל"ג: שׁוּב פַּעַם אַחַת הָיָה מְדַבֵּר מֵאֱמוּנָה, עָנָה וְאָמַר: **אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד** וכו'.

[ט] עיין שפת אמת 'ליקוטים' פר' ויצא, ד"ה 'וישכב': **וכן שמעתי בשם הרה"ק ז"ל מפרשיסחא שאמר כי גם עם הארץ אומר אני מאמין, רק שהוא מאמין והצדיק יודע.**

[י] ערך 'אמונה' אות כ"ב.

אז מען טוהט עפעס א 'פשע', ברענגט עס אריין 'כפירה' אין אים, עס מאכט קאליע די אמונה. וואס הייסט 'פשע'? יעדע זאך (נגד רצונו ית') איז א 'פשע'; מאכט עס קאליע דער אמונה.

❖

## ער קען זיין א פרומער אויך...

זאגט דער רבי, פארוואס העלפט נישט קיין רפואות? "כי כל הרפואות הם על־ידי עשבים". עשבים זענען דאך די רפואות. "והם גדלים רק על־ידי אמונה" - די עשבים וואקסן נאר דורך אמונה, "אזוי ווי חז"ל זאגן (תענית ח): 'אין הגשמים יורדין **אלא** בזכות אמונה', שנאמר 'אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח וְצֶדֶק מִשָּׁמַיִם נִשְׁקָף'" - אז עס איז דא אמונה, דעמאלט גייט פון אויבן רעגן - "שכשיש אמונה אז יורדין גשמים וצומחים עשבים, און דעמאלט איז דא רפואות. אבער דורך 'נפילת האמונה' גייט נישט קיין רעגן, ואזי אין רפואה".

מען פלעגט מדייק זיין; מען זעהט דאך אמאל אז עס גייט יא רעגן? נאר וואס דען, האבן טאקע די עשבים נישט דעם כח צו היילן. אז עס איז דא אמונה, איז די עשבים וואס עס וואקסט דורך די גשמים, האבן זיי א כח צו היילן - און זיי היילן טאקע. [די גמרא זאגט דאך אז "גשמים יורדין בזכות אמונה"]. אבער אז עס איז נישטא קיין אמונה, איז אפילו עס גייט יא רעגן און די עשבים וואקסן, האבן זיי אבער נישט דעם כח אויף צו היילן. אז די רעגן גייט, איז דאס נאר 'בשביל אמונה', דערפאר גייט רעגן.

מיר רעדן דא פון 'רפואות'. דער רבי זאגט, "יש סובלי חלאים". מיר האבן גערעדט היינט, אז מען האט נישט 'אמונת חכמים' - טויג אויך נישט. למשל; א מענטש אז ער איז שוואך אין געזונט, דארף ער אפהיטן דאס עסן, ער דארף אפהיטן דעם שלאף, דאס איז זיין תורה, דאס איז זיין תפילה; אז ער היט דאס נישט אפ, איז אויך א פגם אין אמונה - איך מוז איצטער אפהיטן דעם שלאף, אז נישט - פארדארב איך זיך אינגאנצן.

דער בעל־דבר קומט, ער ווערט פרום, 'אה, דו ווילסט אפשלאפן די נעכט, אפשלאפן די טעג, זיך אנפרעסן!?' - דער בעל־דבר ווערט א פרומער - ער קען ווערן א פרומער אויך...

ניין, איך בין איצטער אזוי אז איך דארף פאלגן וואס חז"ל זאגן מיר, איך דארף אפהיטן מיין עסן, אפהיטן מיין שלאף - וועל איך ווערן געזונט, וועל איך קענען האבן 'אריכות ימים' און קענען דינען דעם אויבערשטן און מקיים זיין תורה ומצוות. דאס (נישט פאלגן) הייסט אויך א 'פגם האמונה'.

"אז עס איז דא אמונה, אז יורדין גשמים וצומחים עשבים, ואזי יש רפואות; אבל על־ידי נפילת האמונה, אין גשמים".

❖

"גם", זאגט דער רבי, "עיקר כח הרפואה שיש בכל עשב ועשב" - יעדעס גרעזעלע האט דאך א כח הרפואה, "איז דאס נאר על־פי הסדר שיש להזרעים לפי המקום ולפי הזמן". דער אויבערשטער האט געגעבן א סדר, די עשבים האבן א סדר; "כי יש עשב שעיקר כחו לרפאות הוא רק כשקוצרין אותו עד שלא הביא שליש". ווען האט דער 'עשב' א כח צו היילן? אז מען וועט אים אפשניידן איידער ער ווערט פארטיג א דריטל, "ואחר־כך אין כח לאותו עשב לרפאות" - טאמער וועט ער וואקסן מערער, קען שוין דאס גרעזעלע נישט היילן. "וכן יש עשב, שכוחו רק כשנגמר עד שנופל מאליו" - אז מען וועט אים נישט טשעפען ביז ער וועט ווערן פארטיג, ביז ער וועט אראפפאלן פון זיך אליין, דעמאלט קען ער היילן, "וכיוצא בזה כפי הסדר של הזמן שיש להם".

"וכן יש סדר לפי המקום, אז אויף 'דעם' ארט וואקסט 'דאס' גרעזעלע" - נאר אויף דעם ארט, "ובמקום אחר וואקסן שוין עשבים אחרים. ועיקר כחם לרפאות הוא רק על־פי הסדר שיש להם לפי הזמן והמקום".

און ווער מאכט דעם סדר פונקט אזוי ווי מען דארף? זאגט דער רבי אזוי: "דער סדר הזרעים איז דורך 'אמונה', בבחינת (שבת לא): 'אמונה' - 'זה סדר זרעים'". דער רבי גיט א טייטש - ווער מאכט דעם סדר זרעים? די 'אמונה'; דעמאלט איז דא דער סדר

- אז דאס גרעזעלע רייסט מען אפ איידער א דריטל, און דאס גרעזעלע טשעפעט מען נישט ביז עס ווערט פארטיג און עס פאלט אראפ פון זיך אליין - די אמונה מאכט שוין דעם סדר. אז עס איז דא דער סדר, וואקסן טאקע אלע גראז אויף דעם ארט וואו זיי דארפן וואקסן, ממילא איז דא רפואות, "בבחינת 'אמונה זה סדר זרעים'", אמונה איז מסדר די זרעים, "שעל־ידי אמונה נעשה הסדר של הזרעים לפי הזמן והמקום, שעל־ידי־זה יש להם כח לרפאות".

מיר האבן פריער געלערנט טאקע, אפילו עס גייט רעגן - אבער זיי האבן נישט קיין כח צו היילן, 'אין הגשמים יורדין אלא בשביל אמונה', טאמער די אמונה איז נישטא, אפילו עס גייט רעגן האבן די עשבים נישט דעם כח צו היילן, זיי האבן נישט דעם סדר וואס זיי דארפן האבן - אז זיי זאלן וואקסן וויפיל זיי דארפן וואקסן און אראפפאלן ווען זיי דארפן אראפפאלן.

"ועל־כן, על־ידי נפילת האמונה אין מועיל רפואות" - עס העלפט נישט קיין רפואות. ווייל די רפואות האבן נישט דעם סדר וואס זיי דארפן האבן, די עשבים האבן נישט דעם כח.

❖

## 'ויהי ידיו אמונה'

זאגט דער רבי: "וכן תפילה" - תפילה העלפט אויך נישט. אויב די אמונה איז קאליע, די אמונה איז געפאלן, העלפט שוין נישט קיין תפילה אויך. פארוואס? - זאגט דער רבי: "תפילה הוא גם־כן בחינת אמונה" - דאס חשיבות פון תפילה איז נאר די אמונה, "כמו שכתוב (שמות יז): 'וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה' - מאכט דער תרגום: 'פְּרִישָׂן בצלו'".

עס שטייט: "ידיו אמונה", ווייל אז א מענטש הויבט אויף די הענט צום אויבערשטן, ער בעט דעם אויבערשטן, מוז ער דאך האבן אמונה אז דער אויבערשטער הערט מיר וואס איך בעט און אז דער אויבערשטער ער קען מיר ממלא זיין מיין זאך און אז נאר ער איז דער מחדש, נאר ער קען; מוז מען דאך האבן דערצו אמונה. אויב איך האב נישט די אמונה, העלפט נישט קיין תפילה, עס האט נישט קיין חשיבות.

דער רבי זאגט אזוי אין תורה ז': "ער זאל גלויבן שיש מחדש, ובידו לחדש דבר ברצונו". אט דאס איז די אמונה וואס מען דארף האבן ביים דאווענען - אז עס איז דא א מחדש! 'ובידו לחדש'! איך בעט דעם אויבערשטן - און ער קען מחדש זיין וואס איך דארף - אט די אמונה דארף איך האבן; אז איך האב נישט די אמונה, האט נישט די תפילה קיין חשיבות.

וואס איך דארף נאר האבן; למשל, אז דער אויבערשטער דארף מיר געבן א רפואה, איך דארף האבן פרנסה, איך דארף א זאך, איך האב דאך נישט דער זאך וואס איך דארף האבן, דארף דאך דער אויבערשטער באנייען איך זאל באקומען דער זאך - "ובידו לחדש", "ובידו לחדש".

מען זאל זיך גוט ארייננקוקן, מען זאל גוט אנקניפן זיך - 'צו האב איך די אמונה אין דער זאך?!' דער רבי זאגט, 'יעדער איינער דארף זיך ארומזוכן, זיך מחפש זיין, וואו האלט איך אין דער אמונה!?' 'וואו האלט איך אין דער אמונה!?'.

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "ביי דער וועלט איז אמונה א דבר קטן" - יעדער איינער זאגט 'ער גלויבט' - "ביי מיר איז אמונה א דבר גדול".

"ביי דער וועלט איז אמונה א דבר קטן"; יעדער איינער גלויבט, יא - מען גלויבט, אבער מען איז גענארט אין דער אמונה.

געווענטליך (- כמובן) אידן גלויבן אז עס איז דא א באשעפער, און מען איז מקיים טאקע תורה ומצוות אויך, שבת, פסח, יום כיפור, מען איז דאך מקיים תורה ומצוות, אבער צו דאס איז טאקע מחמת 'גודל עמקות האמונה' - דאס דארף שוין האבן א באזונדערן חשבון, א באזונדערן חיפוש, ארומזוכן זיך.

דער רבי זאגט אין א תורה[יא], עס איז דא 'אמונה' - 'בחינת ראייה', ממש אזוי ווי איך זעה מיט די אויגן. ביי דער אנהויב מרכבה - "נ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת

---

[יא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ב: שֶׁאֵצֶל הַמַּאֲמִין הַדָּבָר גָּלוּי, כְּאִלּוּ **רוֹאֶה בְּעֵינָיו** אֶת הַדָּבָר שֶׁהוּא מַאֲמִין בּוֹ, מֵחֲמַת גֹּדֶל אֱמוּנָתוֹ הַשְּׁלֵמָה; גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ד: צָרִיךְ שֶׁתִּהְיֶה הָאֱמוּנָה אֱמוּנָה שְׁלֵמָה בְּרוּרָה מְאֹד, עַד שֶׁעַל יְדֵי הָאֱמוּנָה יִהְיֶה דּוֹמֶה לוֹ כְּאִלּוּ רוֹאֶה הַדָּבָר שֶׁמַּאֲמִין בָּעֵינַיִם מַמָּשׁ, בִּבְחִינַת סְתִים וְגַלְיָא כַּמּוּבָא בְּמָקוֹם אַחֵר (לְעֵיל בְּסִימָן ס"ב).

אֱ'לֹקִים"[יב] איז ראשי־תיבות אמונ"ה[יג]. עס איז פארהאן אזא מין סארט אמונה וואס ממש מען זעהט מיט די אויגן.

אויב ער האט נישט די אמונה, העלפט נישט קיין תפילה אויך נישט, ווארום דאס עיקר חשיבות פון תפילה איז נאר די אמונה.

❖

זאגט דער רבי: "וכן זכות אבות"; דאס העלפט אויך נישט. ווייל "זכות אבות נתגלה גם־כן רק על־ידי אמונה". מיר האבן טאקע אונזערע עלטערן, "וזוכר חסדי אבות", אבער דער זכות אבות ווערט אויפגעדעקט נאר דורך דער אמונה, "בבחינת: 'הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ'" - דאס איז א פסוק אין שיר השירים (ב'). "'הנצנים' - זאגט דער זוהר הקדוש (בהקדמה א:) - איז די אבהן" - זיי זענען די 'נצנים'. די 'אבהן' אונזערע, "'נראו' - זיי ווערן נראין ונתגלין, 'בארץ' דאס מיינט מען די 'אמונה', כמו שכתוב (תהלים לז): 'שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה'". "הנצנים נראו" - די אבות אונזערע ווערן נתגלה זיי זאלן אויף אונז מגין זיין, "בארץ" - דורך אמונה.

וואו עס שטייט "ארץ" מיינט מען 'ארץ ישראל' - אזוי שטייט אין זוהר הקדוש[יד]; "לה' הארץ ומלואה" - 'דא ארעא קדישא', "תבל ויושבי בה" - 'דא שאר ארצות'. "ארץ" דאס איז 'ארעא קדישא'; וואו עס שטייט 'ארץ' - מיינט מען 'ארץ ישראל'; "שכן ארץ ורעה אמונה".

זאגט דער זוהר הקדוש: "הנצנים" - דאס איז די 'אבהן'. ווען ווערן זיי נתגלה? "בארץ" - דורך 'אמונה', אזוי ווערט אויפגעדעקט די זכות אבות, זענען די אבות הקדושים אויף אונז מגין.

'אמונה' איז בחינת 'עפר', "בחינת 'עפר מאנא דכולהו' (תיקו"ז תיקון ע' ק"כ:)". עס איז דא ד' יסודות, 'אש מים רוח עפר'. עס שטייט אין "תיקונים", 'עפר' דאס איז 'מאנא

---

[יב] יחזקאל א, א.

[יג] מובא בליקוטי הלכות חו"מ בהקדמה.

[יד] ח"ב דף כ"ב ע"ב; ח"ג דף מ"ה ע"ב.

דכולהו' - דאס איז די כלי פון אלעס. עפר איז אמונה, און אלץ איז דאך אויף עפר, 'עפר' איז 'מאנא דכולהו'; "על־כן, על־ידי נפילת האמונה אין מועיל לו לא רפואה ולא תפילה ולא זכות אבות, ווארום די אלע זאכן איז אלץ בחינת אמונה, אזוי ווי מען האט אויבן גערלערנט".

❖

## עס העלפט נישט קיין שרייען

זאגט דער רבי: "וגם אין מועיל להחולה קול צעקת של אח וגניחות" וואס דער חולה אליין שרייט אמאל - ער זיפצט און ער קרעכצט - "שלפעמים מועיל להחולה אלו הקולות, שמרחמין עליו על־ידי קולות הללו, אבער דורך נפילת האמונה העלפט דאס אויך נישט".

איז וואס איז די עצה? ער דארף טאקע אויף דעם אליין בעטן דעם אויבערשטן - "רבונו של עולם, גיב מיר אמונה, גיב מיר אמונה!". דער רבי זאגט דאך, 'מען דארף זיך מחזק זיין' - 'זוכן זיך' און 'זיך מחזק זיין' אין אמונה, נישט אראפפאלן ביי זיך, אבער וויסן אז דאס איז דער עיקר.

דאס עיקר חשיבות ביי יעדער ריר וואו איך גיי נאר צו, איז נאר די אמונה פון דער זאך; אז איינער גייט לייגן תפילין, און ער איז זיך מקשר מיט אַן אמונה צום אויבערשטן, איז דאך א התחדשות, עס איז אַן אנדער סארט חיות, אַן אנדערע מצוה טוהט ער. עס שטייט טאקע[טו]: "כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה"; דאס גאנצע חשיבות פון דער מצוה איז נאר די אמונה.

"אבער דורך נפילת אמונה העלפט נישט דאס דאזיגע אויך" - דאס וואס דער חולה שרייט און ער קרעכצט און ער זיפצט - דאס העלפט אויך נישט, "כי הגניחות וצעקת אח הנ"ל דאס איז א קול אָן קיין דיבור" - ער לאזט ארויס א קול אָן קיין

---

[טו] תהלים קיט, פו.

דיבור, "**וקול זה בחינת אבהן**" [- דאס שטייט אלץ אין תיקונים (תיקון סט)], ווייל "**דער קול איז כלול פון 'אש מים רוח', שהם בחינת 'תלת אבהן'**".

(השואל: וואס מיינט דער רבי צו זאגן: "שמרחמין עליו"? - מן-השמים?) '**מן-השמים - אוודאי.** א תפילה פון דעם חולה איז מועיל מער פון אנדערע - אז ער אליין בעט. אבער וויבאלד די אמונה איז קאליע, איז זיינע געשרייען העלפן אויך נישט.

פארוואס העלפט נישט דער 'קול'? ווארום דער קול איז כלול פון 'אש מים רוח', דאס איז די 'אבהן', 'אש' איז יצחק, 'מים' איז אברהם, און 'רוח' איז א התחברות פון ביידע דאס איז יעקב, יעקב איז רוח, "ותחי רוח יעקב".

א מענטש אז ער לאזט ארויס א קול אפילו אָן קיין דיבור, איז אבער אין דעם קול דא 'אש מים רוח', דאס איז די 'אבות הקדושים'; 'אש' איז יצחק - 'גבורה', 'מים' איז אברהם, און 'רוח' איז 'תפארת' דאס איז יעקב, דאס איז א חיבור פון ביידע - פון 'אש' מיט 'מים'.

קומט דאך אויס, אז מען לאזט ארויס א 'קול', איז עס אויך פון די 'אבות הקדושים', אבער וויבאלד די 'אמונה' איז קאליע, איז דאך נישטא קיין זכות אבות, העלפט אויך נישט דער קול וואס דאס איז '**תלת אבהן**' [- אזוי שטייט אין "תיקונים"], "**והם נראין ונתגלין רק על-ידי אמונה, וואס דאס איז 'עפר מאנא דכולהו', ועל-כן, על-ידי נפילת האמונה אין מועיל לו גם הקולות הנ"ל**".

❖

## מיט א דאקטער קען ער אויך העלפן...

"**וגם על-ידי-זה בעצמו העלפט נישט קיין רפואה, כי עיקר הרפואה היא על-ידי התמזגות היסודות. עס איז דאך דא ד' יסודות, 'אש מים רוח עפר', דארף מען האבן דערצו א חכם גדול שידע על-פי 'דאקטעריי' למזג היסודות שיש בכל אחד ואחד מן העשבים כפי הרפואה שצריך זה החולה לפי קלקול היסוד, שנתקלקל ונחלש אצל זה החולה**".

דער רבי זאגט כמה מאל[טז], פשוט, די דאקטוירים ווייסן נישט, זיי ווייסן נישט אזוי פונקטליך יעדע זאך; זיי זאלן דען וויסן דאס התמזגות היסודות פון יעדער זאך - יעדער יסוד?! זיי ווייסן נישט! דער רבי זאגט, 'מען דארף דערצו א חכם גדול שידע על פי דאקטעריי'.

דאס איז א חוץ דעם וואס דער רבי זאגט אין דער תורה "תקעו ממשלה"[יז], אז א מענטש האלט ביי תפילה וואס דאס איז "דבר ה'", האלט ער ביים שורש, מוזן זיי אלע אוועקגעבן זייערע כוחות אריין אינעם שורש; דאס איז אַן אנדערע זאך.

אז איינער וועט זאגן - 'איך האלט נאך נישט ביי 'דער' תפילה'; איך דארף טאקע זיין ווייט פון די דאזיגע דריי תאוות[יח] - אבער איך האלט נאך נישט דערביי, איז קען איך דאך נישט זאגן אז איך וועל האבן א רפואה פון "דבר ה'", ווארום איך האלט דאך נאך נישט ביי "דבר ה'" (ולכן אני צריך לעסוק ברפואות לכאורה). **אבער פשוט - זיי זענען מזיקים אויך, זיי ווייסן נישט, זיי ווייסן נישט, וויסן פונקט דאס התמזגות היסודות - ווייסן זיי נישט, זענען זיי מזיקים.**

(ר' משה בינענשטאק: עס איז דאך דא אזעלכע רפואות וואס מען זעהט אז עס העלפט יא - זאלבן און פארשידענע זאכן?) עס איז דא א ווארט פונעם רבי'ן: **"דער אויבערשטער איז אזוי גרויס, אז מיט א דאקטער קען ער אויך העלפן!"...**[יט]

א איד וואס האט אמונה, א מאמין בה', אפילו ער נעמט א דאקטער, וועט דער אויבערשטער אויך העלפן אז דער דאקטער וועט נישט קאליע מאכן.

"דער אויבערשטער איז אזוי גרויס, אז מיט א דאקטער קען ער אויך העלפן"...

---

[טז] עיין באריכות בשיחות הר"ן אות נ'.

[יז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א' אות ט': וּכְשֶׁנִּגְאֶלֶת וְנִפְדֵּית הַתְּפִלָּה, אֲזַי נוֹפֵל כָּל הַדָּאקְטִירַיי, כִּי אֵין צְרִיכִין לִרְפוּאוֹת וכו' עיין שם.

[יח] עיין בליקוטי מוהר"ן שם בפנים.

[יט] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' קרח תקצ"ה: **הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יָכוֹל לְרַפְּאוֹת בְּרַחֲמָיו, אַף עַל פִּי שֶׁקּוֹרְאִים דָּאקְטִיר**, כִּי דַּרְכֵי ה' נִפְלָאִים מֵאִתָּנוּ מְאֹד, אַךְ תִּשְׁתַּדֵּל בְּחָכְמָתְךָ לְדַבֵּר עִם הַדָּאקְטִיר שֶׁיְּמַעֵט בִּרְפוּאוֹת בְּכָל מַה דְּאֶפְשָׁר.

דעם מאמין בה' וועט דער אויבערשטער אים אפהיטן אז עס זאל אים נישט מזיק זיין; 'מיט א דאקטער קען ער אויך העלפן'.

אבער דער וואס איז טאקע שטארק אין דער אמונה און ער נעמט נישט, העלפט אים דער אויבערשטער אזוי אויך.

כמה מעשיות איז געווען פון גרויסע חולים - און דער אויבערשטער האט געהאלפן אזוי. נאר וואס דען, מען דארף זיך נישט לאזן נאַרן, זיין שטארק אין דער אמונה, האבן אַן 'אמונה חזקה' ווי עס דארף זיין.

נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן מיר זאלן אלע זיין געזונט און האבן אמונה.

(ר' משה: דער רבי האט געזאגט[כ] מען זאל מאכן "פּאָקן"; וואס פלעגט מען געבן? וואס האט מען געמאכט? אַן איינשפריץ?) ניין, מען פלעגט נעמען א שפּילקעלע און געלאזט אביסעלע בלוט ביים קינד אויף צוויי ערטער, און דאס איז געווען די פּאָקן, נישט קיין איינשפריץ. מיט א מין מעסער א קליינס האט מען אביסעלע הויט אראפגענומען און אראפגענומען אביסעלע בלוט פון אינעווייניג - דאס איז געווען די פּאָקן.

(ר' משה: און דאס איז נישט מזיק?) ניין, דער רבי זאגט דאך אז אפילו ווינטער אין די גרעסטע פרעסטן זאל מען לויפן - -[כא]

(חסר)

**"גם בהכרעת הקול יש בחינת התמזגות היסודות), ועל־כן על־ידי פגם אמונה, שעל־ידי־זה נפגם בחינת הארבעה יסודות, כי כולם מתגלין רק על־ידי בחינת עפר שהיא מאנא דכולהו, על־כן אין לו רפואה".**

❖

---

[כ] עיין סוף ספר סיפורי מעשיות - ב"שיחות שאחר סיפורי מעשיות". גם עיין 'אבניה ברזל' שו"ס מרביז"ל אות ל"ד.

[כא] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג אות של"ב: רבינו אמר: "צריכין להעמיד לכל ילד פאקן (אבעבועות) קודם רבע שנה, ואפילו אם דרים הרחק מן העיר, מחוייבים ליסע עבור זה אפילו בחורף, בזמן שהקור גדול" - **"זאל מען שטעלן א קינד פאקן, אפילו ווינטער אין די גרעסטע פרעסט אויך".**

# א ברום פון הארצן

(אות ב') "והתיקון לזה הוא שצריכין לחתור[כב] ולמצוא המים, שמשם גדילה האמונה. ואלו המים הם בחינת עצות שמשם גדילה האמונה, בבחינת (ישעי' כה): 'אוֹדֶה שִׁמְךָ כִּי עָשִׂיתָ פֶּלֶא עֵצוֹת מֵרָחֹק אֱמוּנָה אֹמֶן'; שעל־ידי העצות גדילה האמונה.

"ועצות הם בחינת עומק הלב, היינו כשנתקלקל ונופל האמונה, עד שאין מועיל אפילו קול צעקה, שהוא קול בלא דיבור כנ"ל, אזי צריכין לצעוק מן הלב לבד בלי קול, בבחינת (איכה ב): 'צָעַק לִבָּם אֶל ה'', שהוא צעקת הלב לבד, בלי קול, בבחינת (תהלים קל): 'מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה'', מעומקא דלבא".

'צעקת הלב' אָן א קול, נישט אז מען הערט נישט, הערן קען מען יא הערן, ברומען קען מען הערן. נאר א קול איז א 'פתיחת הפה'; דער רבי זאגט דאך, 'קול' איז 'אש מים רוח'; ווערלכעס איז 'אש מים רוח'? אז מען עפנט דאס מויל; אבער מיט א ברום עפנט מען נישט דאס מויל.

"דער רבי האט דא נאכגעמאכט בשעת דער תורה א מין 'צעקת הלב' אָן א קול!" - דאס האב איך געהערט - "עפעס א מין סארט ברומונג!" דאס מויל עפנט זיך נישט.

וואס מיינט דער רבי אויבן אז 'קול בלא דיבור' העלפט נישט? דער רבי זאגט פריער, 'קול זה בחינת אבהן', איז 'אש מים רוח'. ווען איז 'אש מים רוח'? אז א מענטש עפנט דעם מויל איז 'אש מים רוח'. דא זאגט אבער דער רבי, 'צעקת הלב' - 'בלי קול'. 'בלי קול' איז דער פשט - עס איז נישטא קיין ('פתיחת הפה'), נאר א ברומונג פון הארץ. א ברום איז פון הארץ.

---

[כב] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' חוקת תר"ב: וְהִזְכַּרְנוּ קְצָת מַה שֶּׁכָּתוּב בְּהַתּוֹרָה תִּקְעוּ ב' שֶׁצְּרִיכִין לִצְעֹק מֵעֹמֶק הַלֵּב בְּחִינַת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה' כְּדֵי לַחְתֹּר הַמַּיִם שֶׁמֵּהֶם גְּדֵלָה הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, כִּי בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם וּבָעֵת הַסָּמוּךְ נִכְנַס בְּלִבִּי בְּעֹמֶק מְאֹד מְאֹד אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים הַקְּדוֹשִׁים שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ כְּשֶׁגִּלָּה הַתּוֹרָה הַנּוֹרָאָה הַנַּ"ל אַז מֶען מוּז דֶעבִּיוֶוין דָאס וַואסֶער וָואס פֶּן דָארְט וַואקְסְט אֱמוּנָה וְכוּ'.

"ועומק הלב זה בחינת עצות, בבחינת (משלי כ'): 'מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְלֶב אִישׁ'. ועל־כן כשאין מועיל קול צעקה מחמת נפילת האמונה, אזי צריכין לצעוק מן הלב לבד; בלי קול, רק מעומקא דלבא, ועל־ידי־זה נתגלין העצות כנ"ל, שהם בחינת: 'מים עמוקים עצה' וכו'.

"ועל־ידי העצות שנתגלין בעולם, (דהיינו שיודעין בעולם ליתן עצה לנפשם, כל אחד ואחד מה שצריך), על־ידי־זה גדילה האמונה, בבחינת: 'עצות מרחוק אמונה אומן', כנ"ל. ואזי חוזר ונתתקן כל הבחינות הנ"ל, כי העצות הם בחינת פלא, בחינת: 'אודה שמך כי עשית פלא עצות מרחוק' וכו', ועל־ידי־זה נתתקן ומקבל רפואה להמכות המופלאות, שהם בחינת: "והפלא ה' את מכותך" וכו'. גם תפילה היא בחינת פלאות, בחינת (שמות טו): 'נוֹרָא תְהִלֹּת עֹשֵׂה פֶלֶא'. וכן זכות אבות, בבחינת (תהלים עח): 'נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא'.

"וזהו: 'וְאָנֹכִי תִרְגַּלְתִּי לְאֶפְרַיִם' (הושע יא) - זה בחינת עצות, כמו שכתוב (שמות יא): 'הָעָם אֲשֶׁר בְּרַגְלֶיךָ' - ההולכים אחר עצתך. 'קָחֵם עַל זְרוֹעֹתָיו' - זה בחינת זכות אבות, שהם 'זרועות עולם'. 'וְלֹא יָדְעוּ כִּי רְפָאתִים'. כי באמת על־ידי־זה נעשה רפואה כנ"ל.

❖

## 'ברישא חשוכא והדר נהורא'

"וזהו בחינת בריאת העולם, 'ברישא חשוכא והדר נהורא'", (כמו שכתוב:) "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר". פריער איז געווען 'חושך' און נאכדעם איז געווארן 'ליכטיג'. "חושך דאס איז העדר העצה". אז דעם מענטשן פעלט די עצה איז אים פינסטער, ער האט נישט קיין עצה, ער קען זיך קיין עצה נישט געבן, "בבחינת (איוב לח): 'מִי זֶה מַחְשִׁיךְ עֵצָה בְמִלִּין'", אט דאס הייסט 'חושך'. "ואחר כך כשנתגלה העצה שהוא בחינת עומק, בחינת 'מים עמוקים', זה בחינת (שם יב): 'מְגַלֶּה עֲמֻקוֹת מִנִּי חֹשֶׁךְ'" - פון דעם חושך דעקט זיך אויף אַן 'עמוקות', אַן 'עומק הלב', עס ווערט א ליכטיקייט.

אז א מענטש קען זיך קיין עצה נישט געבן, איז ביי אים 'חושך' די זאך, ער ווייסט נישט וואס ער זאל טוהן, אבער אז עס דעקט זיך אויף די עצה - ווערט אים ליכטיג.

"וכל מה שנתגלה יותר האור, דהיינו העצה, ונדחה החושך שהוא העדר העצה, נתגדל האמונה ביותר".

דער רבי גיט דאך דא אַן עצה; אז די אמונה איז געפאלן - העלפט נישט קיין תפילה, עס העלפט נישט קיין קול, זאגט דער רבי אַן עצה - ער זאל האבן 'צעקת הלב בלבד'.

"כי עיקר גידול האמונה הוא בבחינת (תהלים צב): 'וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת', דהיינו כל מה שנדחה והולך חלק מהלילה ונתקרב אל אור היום, נתגדל האמונה ביותר". די נאכט גייט דאך אלעמאל ווייטער און ווייטער ביז עס ווערט טאג; עס איז א לאנגע נאכט, איז וואס עס גייט אליך מערער און עס ווערט נדחה א חלק און עס גייט אוועק צום 'אור היום', וואקסט אליך די 'אמונה' 'יותר'. "וכן הולכת ונגדלת מעט מעט, כפי מה שנדחה מהלילה ונתקרב יותר אל היום, עד שבאור היום אז נתגדל האמונה בשלימות".

ווייזט אוים טאקע, די ערשטע האלבע נאכט איז טאקע אינגאנצן חושך; שינה איז חושך; און די אנדערע האלבע נאכט הויבט שוין אָן צו ווערן - - - איז וואס עס גייט אוועק מער די לילה, וואקסט אליך די אמונה מערער, "בבחינת (איכה ג): 'חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ'". אינדערפרי איז שוין טאקע 'רבה אמונתך'. "ואז באור היום הוא עיקר צמיחת הרפואה", אז עס ווערט בייטאג, דעמאלט איז די רפואה, "בבחינת (ישעי' נח): 'אָז יִבָּקַע כַּשַּׁחַר אוֹרֶךָ וַאֲרֻכָתְךָ מְהֵרָה תִצְמָח'".

"נמצא שעל־ידי התגלות העצה, שהוא בחינת התגלות האור מן החושך, דהיינו אז עס ווערט נדחה דער 'חושך' וואס דאס איז 'לילה'". א מענטש אז די אמונה איז ביי אים געפאלן, האט ער קיין עצה נישט, עס איז אים חושך, עס איז פינסטער, עס איז לילה. "ונתגלה האור, בחינת יום, על־ידי־זה נתגדל האמונה" – עס וואקסט די אמונה, "ועל־ידי־זה עיקר הרפואה, בבחינת: 'אז יבקע בשחר אורך וארוכתך' וכו'".

**אז דער אויבערשטער העלפט טאקע אז מען שטייט אויף אין דער אנדער האלבער נאכט און מען טוהט** (בעבודת ה'), **אז עס קומט אינדערפרי איז טאקע ליכטיג, עס ווערט ליכטיג, איז טאקע א רפואה**[כג].

"**וזהו מה שאמרו רז"ל** (שבת עז:): '**מאי טעמא עזי מסגן ברישא והדר אמרי**" - **די ציגן לויפן פריער און נאכדעם גייען די שעפעלעך. ביי די שעפעלעך - די וואָל איז ווייס. די ציגן זענען שווארץ. איז אז עס גייט אַן עדר, לויפן די ציגן פריער און נאכדעם גייען די שעפעלעך. זאגט די גמרא:** '**כברייתו של עולם, ברישא חשוכא והדר נהורא**'. '**עזי**' **הייסט** '**חשוכא**' - **שווארץ, און** '**אמרי**' - **די וואל איז ווייס.**

**טייטשט דער רבי:** "**עזי דאס איז אמונה, בחינת** (תהלים צג): '**לָבֵשׁ ה' עֹז הִתְאַזָּר**'" - **דער עיקר שטארקייט, זיין אנגעגארטלט, איז אמונה.** '**התאזר**' **מיינט מען אמונה,** "**כמו שכתוב** (ישעי' יא): '**וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו, וְהָאֱמוּנָה אֵזוֹר**' **וכו'**" - **ער איז אנגעגארטלט ארום און ארום מיט אמונה; אָן אמונה איז מען נישט ארומגענומען - דאס איז דער** '**עוז**', **דאס איז די שטארקייט, די אמונה דאס איז דאס שטארקייט.** '**עזי**' **מיינט מען די** '**אמונה**'. "**והדר אמרי - נאכדעם ווערט א רפואה, בחינת** (שם נז): '**אָמַר ה' וּרְפָאתִיו**'" - **פריער דארף זיין די אמונה און נאכדעם קומט די רפואה.** "**וזהו** '**אמר**' **ראשי תיבות:** '**אש מים רוח**', **פון דארטן איז די רפואה**".

"**היינו מפני מה עיקר הרפואה על־ידי אמונה?**" - **פארוואס פריער מוז זיין די אמונה און נאכדעם קען זיין די רפואה? דער רבי זאגט דאך פריער אז דורך** '**נפילת אמונה**' **האט ער נישט קיין רפואה, מוז דאך זיין פריער די אמונה און נאכדעם קען ווערן די רפואה.** "**מאי טעמא עזי מסגן ברישא?**" - **פארוואס פריער גייט די אמונה, די שטארקייט, און נאכדעם קומט די רפואה - פארוואס?**

---

[כג] עיין ביאור הליקוטים על תורה זו, אות י"ז: כפי המבואר בביאור מוהרנ"ת הנ"ל, שגם צעקת הלב הוא בסוג צעקת הקולות. יש לבאר מענין הכתוב 'צעק לבם' וכו', 'קומי רוני בלילה' וכו', **שזה ענין תפלת חצות.** ושחסרון תועלת התפלות [שהם שלשה], זה ענין חסרון תועלת זכות אבות [השלשה], שהם מכוונים כנגדם. **ושעיקר כוונת רבינו ז"ל בצעקת הלב, הוא על תפילת חצות** [תפלה הרביעי שכנגד דוד כנודע, ומובא מזה במקום אחר].

"והשיב: 'כבריתו של עולם, ברישא חשוכא והדר נהורא'. דאס הייסט, ווייל דאס איז בחינת 'בריאת העולם שברישא חשוכא וכו'', כי עיקר גידול האמונה על־ידי העצה, שהיא בחינת 'מגלה עמוקות מני חושך', כי אין האמונה נגדלת בשלימות רק באור היום, ועל־כן צריכין לקבל הרפואה רק על־ידי אמונה, כי צמיחת הרפואה היא רק באור היום, בבחינת 'אז יבקע כשחר אורך וכו' כנ"ל".

❖

## איבערגעבעטן דעם איידעם

דער רבי רעדט דא, אז די אמונה איז אים נישט גאנץ - איז פאר דעם מענטש פינסטער-'חושך', ער קען זיך נישט קיין עצה טוהן. דאס איז א ראש השנה'דיגע תורה[כד], עס זענען געזעצן צדיקים ביים רבי'ן! אבער דאס ענין פון 'נפילת האמונה' איז שייך צו דעם 'גדול' אויך, דעם גרעסטן, (ווייל כלפי) ווי ליכטיג די אמונה דארף זיין, הייסט עס שוין 'נפילת האמונה'.

דער רבי האט דאך געזאגט צו רבי נתן'ען - ער האט אים געהייסן מחדש זיין, האט ער אים געזאגט, 'ווען עס וועט קומען צו א שמועס פון צדיק, א שמועס פון אמונה, זאל ער צעלאזן דעם פען - וויפיל עס וועט זיך לאזן זאל ער שרייבן!'.

זעהט מען דאך, דאס ענין פון אמונה, דאס איז א געוואלדיגער שמועס. די וועלט מיינט אז אמונה איז א דבר קטן - 'מען גלויבט'.

מען דערציילט אויף דעם בארדיטשובער רב, ער איז אוועקגעפארן צום מגיד און געוועזן דארט אזוי פיל צייט. האט אים דער שווער גע'רודפ'ט. "ער איז געפארן געוואויר ווערן אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט". רופט דער שווער אריין דער דינסט - "עס איז דא א גאט אויף דער וועלט?" זאגט זי - "יא!". זאגט ער: "מיין דינסט ווייסט אויך".

(האט דער בארדיטשובער רב געזאגט:) **"זי זאגט - און איך ו-ו-י-ל וויסן!"**

---

[כד] שנת תק"ע (חיי מוהר"ן מ"א, נ"ט; ימי מוהרנ"ת אות ל"ז).

"זי זאגט, אבער איך וויל וויסן!" - נישט סתם זאגן.

(ר' בערל היילפרין: "זי זאגט און איך ווייס!") איך "וויל" וויסן; ער איז געפארן - וויסן.

❖

דער שווער האט אים שטארק גערודפט, ער האט אים פארשיקט אויך. (וגופא דעובדא הכי הוה[כה]) דער שווער האט אים געזאגט אז ער מוז האנדלען, דער שווער איז געווען א גרויסער עושר, האט ער אים מיטגעגעבן עפעס אפאר טויזנט רענדלעך, מיט משרתים, באדינערס, א נאמן - 'פאָר איינקויפן די סחורה!'.

האט דער בארדיטשובער רב געזאגט צו זיי אזוי: "איך וועל אריינגיין אין בית-מדרש אריין, איך וועל דארטן זיצן און לערנען און דאווענען, און אז איר וועט דארפן די געלט - וועט איר אריינקומען צו מיר נעמען די געלט".

אזוי ווי ער איז געגאנגען אין בית-מדרש אריין, אויפן וועג האט ער געהאט א נסיון, א גרויסן נסיון געהאט אויפן וועג, א געוואלדיגער נסיון, האט ער געכאפט דאס גאנצע געלט און געזאגט - "נאדיר און לאז מיך אפ!" - אוועקגעגעבן די געלט און פטור געווארן פון דעם נסיון, און אריין אין בית-מדרש אריין.

נאכדעם אז עס איז געקומען צו איינקויפן - ער האט נישט די געלט... האט אים דער שווער פארטריבן פון שטוב, עס איז 'יענער פייער' געווען... ער האט דאך נישט געוואלט זאגן 'פארוואס', (ואמר:) 'איך ווייס?!...' - ער האט נישט די געלט.

נאכדעם האט דער שווער געהאט עפעס א גרויסן בלבול, א בלבול פון דער מלוכה. איז דער שווער געקומען צו לויפן צום רבי'ן רבי אלימלך. זאגט ער אים: "גיי בעט איבער דיין איידעם - וועסטו געהאלפן ווערן!". ער האט אים געהאט אוועקגעטריבן פון שטוב.

דערנאך איז נאכאמאל געקומען דער בלבול, איז ער נאכאמאל געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, (ואמר לו עוד הפעם כנ"ל): "גיי בעט איבער דיין איידעם וועסטו געהאלפן ווערן!".

---

[כה] הסיפור במלואו מובא בספר 'אהל אלימלך' אות שט"ז, לך נא ראה שם.

דערנאך, דער דאזיגער וואס האט געמאכט דעם נסיון האט באקומען עפעס א געוואלדיגע קראנקייט אין זיך, עס האט אים אנגעהויבן צו ווארפן. איז ער אוועקגעפארן צו רבי'ן ר' אלימלך און אוועקגעגעבן צוריק די געלט אינגאנצן, און די גאנצע מעשה דערציילט, און דער רבי ר' אלימלך האט אפגעגעבן צוריק דאס גאנצע געלט.

איז ער שוין געוואויר געווארן ווער זיין איידעם איז...

איך מיין דאס דאזיגע; אז די צדיקים האבן געפילט אז עס פעלט זיי דער זאך - איז נישט שייך, זיי האבן געוואלט האבן א ליכטיגע אמונה, זעהן מיט די אויגן, נישט נאר איך 'זאג', נאר 'זעהן' מיט די אויגן, צוליב דעם האבן זיי געקענט אפהארעווען יארן ביים מעזריטשער מגיד, אפהארעווען יארן ביי צדיקים, אפהארעווען יארן ביז זיי האבן זוכה געווען צו וואס זיי האבן געוואלט, דעמאלט איז זיי געווארן ליכטיג.

**איז דען שייך צו זאגן מען האט עפעס א מניעה צו וואס? אט דאס איז זיין לעבן! אָן דעם איז קיין לעבן נישט, אָן דעם איז נישט קיין לעבן אינגאנצן!**[כו]

און ווער ווייסט דאס?! - דער שווער האט גארנישט געוואוסט פון דעם...

רבי נתן איז פריער אויך געווען א צדיק און א גאון עולם איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, מען האט זיך מיט אים משעשע געווען - דער טאטע מיט דעם שווער - אזוי ווי מיט א גאלדן פינגערל, וואס ער האט געוואלט האט ער געהאט, עס האט אים מער גארנישט געפעלט, צדקות מיט גדולות - אלעס וואס ער האט געוואלט. ווען ער איז אבער געווארן מקורב צום רבי'ן האט אים אנגעהויבן צו פעלן גאר עפעס

---

[כו] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ה אות ב': **וְכֵן לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת וּלְאַנְשֵׁיהֶם** שֶׁיְּכוֹלִים לְקָרֵב אוֹתוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ **שֶׁזֶּה עוֹלֶה עַל הַכֹּל. וּבָזֶה תָּלוּי כָּל קְדֻשַּׁת יַהֲדוּתוֹ.** אִם הָיָה רוֹאֶה נִפְלְאוֹת עֲרֵבוּת נְעִימוּת הַתִּקְוָה שֶׁיִּזְכֶּה עַל יָדָם לָנֶצַח. בְּוַדַּאי הָיָה מַשְׁלִיךְ הַכֹּל וְהָיָה רָץ אַחֲרֵיהֶם בְּכָל כֹּחוֹ. **וְלֹא הָיְתָה שׁוּם מְנִיעָה וַהֲסָתָה וּדְחִיָּה נֶחֱשֶׁבֶת בְּעֵינָיו לִכְלוּם.** גם עיין שם הל' ערלה ה"ה אות ז': בְּוַדַּאי **מִי שֶׁמַּרְגִּישׁ שִׁפְלוּתוֹ** וּפְחִיתוּתוֹ וְיִרְצֶה לָחוּס עַל נַפְשׁוֹ לְהִנָּצֵל מִמִּיתָה עוֹלָמִית וּמִיִּסּוּרֵי עוֹלָם וְלִזְכּוֹת לְחַיִּים נִצְחִיִּים **בְּוַדַּאי לֹא יִסְתַּכֵּל עַל שׁוּם מְנִיעָה** שֶׁרֻבָּם כְּכֻלָּם מֵחֲמַת כָּבוֹד שֶׁמִּתְיָרֵא שֶׁיַּלְעִיגוּ עָלָיו וִיבַזּוּהוּ וְכוּ'. וַאֲפִלּוּ שְׁאָרֵי מִינֵי מְנִיעוֹת מֵאִשְׁתּוֹ וְחוֹתְנוֹ וְאָבִיו וְכוּ' כֻּלָּם מִתְבַּטְּלִים לְגַמְרֵי אֵצֶל מִי שֶׁמַּרְגִּישׁ מְעַט מִשִּׁפְלוּתוֹ וּפְחִיתוּתוֹ וְרוֹאֶה וּמֵבִין בְּעַצְמוֹ אֹפֶן מַעֲמָדוֹ וּמַצָּבוֹ בְּזֶה הָעוֹלָם וּלְהֵיכָן נִתְעָה בְּמַעֲשָׂיו וְכוּ'. וּבְוַדַּאי יִשְׁתַּדֵּל **בְּכָל כֹּחוֹ** לְקָרֵב עַצְמוֹ לְמִי שֶׁיּוּכַל לַעֲסֹק בִּרְפוּאָתוֹ וְעַל יְדֵי זֶה יִתְקָרֵב אֶל הָאֱמֶת, **דְּהַיְנוּ** לְצַדִּיק הָאֱמֶת.

אנדערש, ער איז געוואויר געווארן אז עס פעלט אים גאר עפעס אנדערש. האט ער אנגעהויבן צו זוכן דאס וואס עס פעלט אים, זענען זיי געווארן ברוגז אויף אים - 'וואס איז דא געווארן? וואס פלוצלונג פעלט אים? פריער האט אים דאך גארנישט געפעלט?!'.

ווי קען מען דאס יענעם ארויסגעבן?!...

❖

## דער גוף - א צרה

(אות ג') זאגט דער רבי: "ולדלות ולגלות המים הנ"ל" - אויפצודעקן די דאזיגע וואסער אז עס זאל ארויסגיין 'ממעמקים', "אז עס זאל ארויסגיין די עצה, דארף מען האבן דערצו אַן איש תבונות", ווארום דאס איז נישט קיין קליינקייט - שרייען 'מעמקי הלב' אז מען זאל זיך אומקערן צוריק צו דער אמונה - דאס איז נישט קיין קליינע זאך, דארף מען דערצו האבן אַן 'איש תבונות', "בבחינת: 'מים עמוקים עצה בלב איש'", אבער "וְאִישׁ תְּבוּנוֹת יִדְלֶנָּה" - וואס ער שעפט אָן די וואסער.

צו זוכה זיין צו שרייען 'ממעמקים', 'מעמקי הלב', אז מען זאל זיך אומקערן צוריק צו דער אמונה, דארף מען דערצו האבן דעם 'איש תבונות'.

"וזהו שכתוב (דברים לב): 'כִּי גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה'". פארוואס האבן זיי נישט די עצות? ווייל "וְאֵין בָּהֶם תְּבוּנָה", זיי האבן נישט דעם 'איש תבונה', דעם אמת'ן צדיק, דעם 'איש תבונה' האבן זיי נישט, דערפאר איז 'אובד עצות' - האבן זיי נישט די עצות. אז זיי האבן נישט די עצות, האבן זיי נישט די אמונה, "כי כשאין תבונה" - אז עס איז נישטא דער 'איש תבונה', איז "עצתו אבודה", האט מען נישט קיין עצה, "כי התגלות העצה" - אויפדעקן די עצה, "איז דורכן 'איש תבונה'".

זאגט דער רבי: "ואיש תבונות הוא מי שיש לו נשמה" - דער וואס האט א נשמה. יעדער איינער האט דאכט זיך א נשמה? נאר עס איז דא 'נפש רוח נשמה' - 'נשמה'

איז נישט קיין קליינקייט[כז]. "כבחינת (איוב לב): 'וְנִשְׁמַת שַׁדַּ"י תְּבִינֵם'", די נשמה איז 'תבינם', ער איז זוכה צו דער 'תבונה'.

זאגט דער רבי: "וצריך לזכך ולצחצח הנשמה" - מען דארף מזכך זיין און מצחצח זיין דער נשמה - אויסלייטערן דער נשמה, "וזה נעשה על־ידי שממשיך המשכת רוחניות אלקות לתוך צמצומים".

ווייטער רעדט דער רבי אז 'צמצומים' מיינט מען די 'גופים' - אז מען זאל ארייינציען 'רוחניות' אין די 'גופים' - אין די 'צמצומים'. רוחניות איז רוחניות, און דער גוף איז דאך א גוף; מען דארף אבער ממשיך זיין רוחניות אין די צמצומים, דאס הייסט - אין די גופים, דעמאלט איז מען מזכך דער נשמה. די נשמה וויל דאך אז דער גוף זאל אויך זיין א גוף פון רוחניות; דעמאלט איז מען מזכך דער נשמה.

"דאס איז די זאך פון שד"י. שד"י איז בחינת צמצום, כי שד"י על שם 'שאמר לעולמו די'"[כח]. שד"י איז מרמז אויף 'צמצום'; אין די 'צמצומים' - דארטן דארף מען ארייינציען 'אלקות'; "ועל־ידי־זה מצחצח הנשמה" - לייטערט ער דער נשמה.

"וזהו: 'ונשמת שד"י תבינם'". שד"י הייסט 'צמצום'. "שעל־ידי בחינת שד"י", דאס איז דאך דער צמצום, אויב דארטן ציהט מען אריין 'אלקות', "דהיינו המשכת רוחניות אלקות לתוך צמצומים, על־ידי־זה איז ער מצחצח דער נשמה, 'ואזי' איז ער אַן 'איש תבונות' כנ"ל. כי על־ידי המשכת רוחניות אלקות לתוך צמצומים, דהיינו לתוך גופים", [דער עיקר צמצום איז דאך דער גוף, די נשמה וואלט דאך געלאפן, נאר דער גוף איז דער צמצום], זאגט דער רבי, "על־ידי־זה נכפל ונתרבה פרנסתו" - די פרנסה זיינע ווערט 'נכפל ונתרבה'; "ווארום אז מען איז ממשיך 'רוחניות אלקות לתוך צמצומים', דהיינו אין די גופים, דאס איז דאך א נייע בריאה, כי נעשה עתה בריאה חדשה על־ידי חיבור רוחניות אלקות עם הגוף והצמצום", ווערט דאך ממש א נייע בריאה. דער גוף איז א גוף, און די נשמה איז א נשמה, אבער עס דארף זיין

---

[כז] עיין שער הגלגולים הקדמה א'.

[כח] כמובא בפירש"י פר' מקץ, ועיין בראשית רבה פר' ה' ופר' מ"ו, חגיגה יב.

איינס; אז מען איז ממשיך דאס רוחניות אין דעם גוף אריין, ווערט א נייע בריאה; "שזה עיקר הבריאה".

"ואזי, תיכף אז עס ווערט א בריאה, גיט השי"ת פרנסה תיכף, כי השי"ת מפרנס מקרני ראמים עד ביצי כינים (ע"ז ג:), און תיכף אז עס איז דא א בריאה, תיכף גיט השי"ת פרנסה. כי נשמה לבד אינה צריכה פרנסה, וכן הגוף לבד אינו צריך גם־כן פרנסה". א גוף אליין - א מת - דארף נישט קיין פרנסה. "ועיקר צורך הפרנסה הוא רק כשנתחבר הנשמה עם הגוף, דהיינו 'שיתופא דנפשא ובישרא'", אז דער 'נפש' און דער 'בשר' זענען איין זאך "דעמאלט דארף מען פרנסה. ועל־כן, על־ידי שממשיך רוחניות אלוקות לתוך צמצומים וגופים, וואס דאס הייסט א בריאה, בחינת 'שיתופא דנפשא וגופא', על־ידי־זה נתרבה ונכפל פרנסתו, כי תיכף אז עס איז דא א בריאה, גיט השי"ת פרנסה, כנ"ל".

"וזה בחינת (ברכות סג): 'כל המשתף שם שמים בצערו". וואס הייסט 'בצערו'? 'צערו' הייסט - דער גוף, דער גוף אליין איז א צמצום, "אז ער איז ממשיך און משתף רוחניות אלוקות לתוך הצמצום שהוא בחינת צער" - [אה, דער גוף אליין איז 'צער'...] אז מען נעמט אריין דארטן דעם 'שם שמים', "אזי כופלין לו פרנסתו, כי על־ידי־זה נתרבה הפרנסה כנ"ל".

ווייזט אויס אזוי: אז איינער האט א 'מנה', וויל ער דאך 'מאתיים'; אבער דאס איז אלץ אז דער גוף איז א גוף אליין, אבער א גוף פון 'שיתופא דנפשא וגופא' איז אדרבה, 'כופלין פרנסתו', מען האט גענוג[כט].

"שנאמר (איוב כב): 'וְהָיָה שַׁדַּ"י בְּצָרֶיךָ, וְכֶסֶף תּוֹעָפוֹת לָךְ'; אז דער שֵׁם 'שד"י' וועט זיין אין דיינע צמצומים, בחינות 'המשכת רוחניות אלקות', ער נעמט אריין דעם שם-שמים אין דעם גוף אריין, דעמאלט 'וכסף תועפות לך'" - וועט דיר פליען געלט, דו וועסט האבן אסאך געלט, "היינו ריבוי הפרנסה כנ"ל".

---

[כט] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ': וְיֵשׁ בָּזֶה עוֹד עִנְיָנִים, כִּי 'אֵין אָדָם מֵת וַחֲצִי תַּאֲוָתוֹ בְּיָדוֹ'. (קֹהֶלֶת רַבָּה סֵדֶר א) נִמְצָא שֶׁאֵין מְמַלֵּא תַּאֲוָתוֹ וּרְצוֹנוֹ בְּמָמוֹן לְעוֹלָם, כִּי תָּמִיד חָסֵר לוֹ כַּנַּ"ל. אֲבָל יֵשׁ בְּחִינַת **שֶׁפַע כְּפוּלָה**, בְּחִינַת (אִיּוֹב כ"ב): "וְכֶסֶף תּוֹעָפוֹת לָךְ", שֶׁהוּא לְשׁוֹן כָּפוּל. נִמְצָא שֶׁבְּזֶה הַשֶּׁפַע נִתְמַלֵּא רְצוֹנוֹ, מֵאַחַר שֶׁהִיא כְּפוּלָה.

נאכדעם זאגט דער רבי: "ועל־ידי הפרנסה איז ער מצחצח נפשו". לכאורה, מען זעהט דאך מענטשן וואס האבן פרנסה און זענען נישט משתף דעם רוחניות מיט דעם גוף? נאר אז ער וויל אז עס זאל 'מצחצח' זיין 'נפשו' - די פרנסה זאל דערלייטערן דעם נפש, דאס איז נאר אז מען נעמט אריין 'רוחניות' אין דעם 'גוף' אריין.

"כי אכילת הצדיק הוא רק בשביל הנשמה, כמו שכתוב (משלי יג): 'צַדִּיק אֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ'", נאר 'לשובע נפשו'. "ושביעת הנפש זה בחינת הצחצחות" - עס איז אזעלכע אורות וואס הייסן 'צחצוחות', "שמצחצח נשמתו על־ידי אכילתו, בבחינת (ישעי' נח): 'וְהִשְׂבִּיעַ בְּצַחְצָחוֹת נַפְשֶׁךָ'. ואזי, אז ער איז מצחצח נשמתו, איז ער אַן 'איש תבונות', בחינת: 'ונשמת שד"י תבינם' כנ"ל. ועל־ידי־זה ווערן נתגלה די עצות. ומשם וואקסט די אמונה"[ל].

❖

## 'אמלאה החרבה'

(אות ד') זאגט דער רבי: "ודע, שעל־ידי נפילת האמונה, על־ידי־זה נעשה ונתחזק אמונת כוזביות" - אז די אמת'ע אמונה איז געפאלן, ווערן נתחזק די פאלשע אמונות, "אמונות העבודה זרה וכיוצא, כמו שכתוב (יחזקאל כו): 'אִמָּלְאָה הָחֳרָבָה', כשזה קם זה נופל וכו' (עיין מגילה ו)" - 'צור' און 'ירושלים'[לא]. דאס איז מרמז, 'אדום' איז דאך 'עבודה זרה', (און 'ירושלים' איז דאך די 'אמונה הקדושה'[לב]).

די ביידע צוזאמען קענען נישט זיין; איז דא די אמונה הקדושה - פאלן זיי, און חלילה אז עס איז דא עפעס א נפילה אין דער אמונה - ווערן זיי געשטארקט. "כי עיקר קיום וחיזוק אמונות כזביות" - פון וואו האבן זיי א קיום און ווערן געשטארקט? "הוא מנפילת האמונה הקדושה" - אז די הייליגע אמונה איז געפאלן.

---

[ל] עיין שיחות הר"ן אות כ"ד השייך לזה ונאמרה באותו הזמן כמובא בחיי מוהר"ן אות נ"ט.

[לא] לשון הפסוק: בֶּן אָדָם יַעַן אֲשֶׁר אָמְרָה צֹּר עַל יְרוּשָׁלַםִ הֶאָח נִשְׁבְּרָה דַּלְתוֹת הָעַמִּים נָסֵבָּה אֵלָי אִמָּלְאָה הָחֳרָבָה.

[לב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב אות ח'; שם סי' ל"ה אות ה'; שם סי' ר"פ.

דער רבי האט טאקע געזאגט צו רבי נתן'ען: "אז ער וועט קומען צו א שמועס פון אמונה, א שמועס פון צדיק, זאל ער צעלאזן דער פען און ער זאל וואס אליץ מערער שרייבן!" - רעדן פון אמונה.

ווארום דער עיקר איז, אויב די אמונה איז געפאלן - ווערן זיי געשטארקט מיט זייערע אמונות כוזביות - דארף מען רעדן אסאך פון אמונה, רעדן וואס מער, מען זאל רעדן אסאך פון דער אמונה הקדושה. מען דארף טאקע בעטן דעם אויבערשטן אויף אמונה, אבער מען דארף טאקע רעדן אסאך פון דער אמונה, פון 'חיזוק האמונה'.

זאגט דער רבי: "וכשמעלין האמונה הנפולה" - אז מען איז מעלה דער אמונה הנפולה, "דערפון ווערן גרים" - זיי ווארפן אוועק 'זייער' אמונה. "כי על־ידי שנלקטין ונבררין 'נפילת האמונה' וואס עס איז געווען פריער געפאלן, וואס פון דעם האבן זיי דאך יונק געווען", אבער אז מען נעמט דאס ארויס צוריק, 'ונבררין נפילת האמונה' וואס פון דארטן איז דאך געווען 'יניקת אמונתם', אז מען איז דאס מברר צוריק און מען נעמט ארויס פון זיי די געפאלענע אמונה, "על־ידי־זה ווערט נחלש כח אמונתם", ווייל זיי האבן נישט פון וואנעט יונק צו זיין. זיי זענען דאך נאר יונק אז די אמונה ביי אונז איז געפאלן, אבער אז מען איז צוריק מברר דער אמונה פון זיי, ווערט נחלש זייער כח ווייל זיי האבן נישט פון וואנעט יונק צו זיין, "ואזי הם חוזרים לאמונתינו הקדושה און עס ווערן גרים".

זאגט דער רבי: "ולפעמים נעשין גרים בכח", דארטן וואו זיי זענען - באקומען זיי עפעס א געדאנק פון אמונה, אבער נאכנישט 'בפועל' ממש. "ולפעמים ווערן טאקע ממש גרים בפועל, היינו או שנעשין גרים ממש בפועל, שבאין עכו"ם ומתגיירין, אדער עס ווערט נאר בכח, שעל־ידי וואס מען איז מעלה דער אמונה הנפולה און עס ווערט נחלש זייער אמונה, על־ידי־זה נתגלה להם" - דארטן ווערט זיי נתגלה - "במקום שהם" - דארטן וואו זיי זענען - "האמונה הקדושה".

"'במקום שהם' גלויבן זיי 'דארטן' אז עס איז דא א 'יחיד קדמון יתברך', בבחינת (מלאכי א): 'בְּכָל מָקוֹם מֻקְטָר וּמֻגָּשׁ לִשְׁמִי'. כאטש ער איז זיך נאכנישט מגייר, ער איז דאך נאר 'בכח', אבער עס איז שוין 'לשמי', ער זעהט שוין אז עס איז דא א 'יחיד קדמון'.

פון וואס נעמט זיך דאס אז אמאל איז דאס נאר 'בכח' און אמאל איז 'בפועל'? - זאגט דער רבי: "עס איז תלוי כפי חוזק האמונה כזביות שהיה מתחילה". ווי מער שטארק עס איז פריער געווען ביי זיי די אמונות כזביות, אזוי איז תלוי דאס גֵירות וואס עס ווערט שפעטער. "היינו כשהאמונה כזביות היתה חזָקה בתחילה" - אז די אמונות כזביות איז געווען פריער שטארק, "אזי אחר־כך אז מען צעברעכט זי און מען איז מעלה פון דארטן דער 'אמונה הנפולה דקדושה' און עס ווערט גרים, ווערן טאקע גרים בפועל ממש".

ווייל וואס זיי זענען געווען פריער מער שטארק, האבן זיי דאך מער יונק געווען פון דער אמונה הקדושה, איז דעמאלט ווען מען נעמט ארויס דער אמונה הקדושה פון זיי, מען איז דאס מברר פון זיי, ווערן גרים בפועל ממש.

"אבער אז די אמונה כזביות איז נישט געווען בתחילה אזוי שטארק, אזי כשנשברת ומהפכין אותה אל הקדושה, אזי נעשה ממנה רק גרים בכח".

לאמיר פארשטיין; אז די אמונה איז געווען ביי זיי פריער שטארק - די אמונות כזביות, דאס האט זיך גענומען דערפון ווייל זיי האבן יונק געווען פון אונז אסאך, זיי האבן יונק געווען פון דער קדושה, פון דער אמונה הקדושה, איז אז מען נעמט ארויס דער אמונה הקדושה פון זיי, ווערן זיי מער צעבראכן. אז זיי האבן געהאט אזא מין שטארקע אמונה כזביות, האבן זיי דאך אסאך יונק געווען פון דער אמונה הקדושה, איז אז מען נעמט דאס ארויס פון זיי, ווערן זיי אזוי פיל מער צעבראכן. אבער איינער וואס איז נישט געווען אזוי שטארק פריער, ער האט נישט אזוי פיל יונק געווען.

קומט אויס, וואס די אמונה איז געווען ביי זיי מער שטארק פריער, האבן זיי מער יונק געווען פון דער אמונה הקדושה, איז אז מען נעמט עס ארויס, איז זייער נפילה מערער, ווערן גרים בפועל.

דערפאר איז טאקע א בעל-תשובה אזוי גרויס, ווייל ער איז געווען פריער אזוי געבאפט אין דער סטרא אחרא, איז אז ער גייט ארויס פון זיי, האט ער אנדערע כוחות.

❖

# 'קשים גרים לישראל כספחת'

(אות ה') זאגט דער רבי: "**והנה הכלל, שעל־ידי וואס מען איז מעלה די אמונה הנפולה, על־ידי־זה ווערן גרים**". פון וואנעט זענען די גרים געווארן? "**מלקיטת נפילת אמונה**"; ווייל ביי אונז איז געווען די אמונה געפאלן און די 'נפילת האמונה' איז געווען ביי זיי, איז נאכדעם אז מען נעמט דאס צונויף און מען נעמט דאס ארויס, ווערן גרים; זענען דאך די גרים געווארן פון 'לקיטת נפילת האמונה', "**על־כן הם מזיקין לישראל**" - די גרים זענען מזיק אידן, "אזוי ווי די גמרא זאגט (קדושין ע:): 'קשים גרים לישראל כספחת'. 'ספחת'" דאס איז אזא מין צרעת, א מכה, "**היינו מכות, בחינת 'מכות מופלאות' הנ"ל**".

אויבן האבן מיר דאך געלערנט, אז די אמונה איז געפאלן, איז דא אזעלכע 'מכות מופלאות' וואס העלפט נישט דערצו קיין שום רפואה, און גרים איז אזוי ווי א ספחת, אזוי ווי 'מכות מופלאות', "**וואס דאס איז אליץ געווארן דורך נפילת האמונה**" - אזוי האבן מיר אויבן געלערנט - אז פון דער 'נפילת האמונה' ווערן די 'מכות מופלאות', און די גרים זענען דאך געווארן ווייל די אמונה הנפולה איז געווען ביי זיי, ווערט צוריק דערוועקט די 'מכות מופלאות' וואס עס איז געווארן פון דער 'נפילת האמונה'; "**ומחמת שאלו הגרים נעשין מלקיטת נפילת האמונה, על־כן הם קשים כספחת כנ"ל**".

דער רבי גיט צו פארשטיין דא; ווייל זיי זענען דאך געווארן פון 'נפילת האמונה' וואס ביי אונז איז געווען די אמונה געפאלן, און פון 'נפילת האמונה' ווערט 'מכות מופלאות' וואס עס העלפט נישט קיין רפואה, דערפאר זענען זיי אזוי ווי 'ספחת'.

"**ואלו הגרים ברענגען אריין גאוה בישראל**. חז"ל זאגן אזוי (חגיגה ה:): 'בְּמִסְתָּרִים תִּבְכֶּה נַפְשִׁי מִפְּנֵי גֵוָה', זאגט די גמרא - 'מפני גאוותן של ישראל שניתנה לעכו"ם'. **נמצא שהגאוה דקדושה של ישראל נפלה אליהם**, ועל־כן, אז די עכו"ם קערן זיך אום 'ומתגיירין', ברענגען זיי מיט זיך, די גאוה וואס עס איז געווען ביי זיי - די גאוה ברענגען זיי אריין אין די אידן".

דער גלות איז דאך דאס, אז די אידנ'ס גרויסקייט איז אריינגעפאלן צו זיי, דאס איז דאך 'גלות ישראל', אז די גאוה פון אידן איז אריינגעפאלן צו זיי. און אז די גרים גייען ארויס פון דארט, נעמען זיי מיט מיט זיך די גאוה, ברענגען זיי אריין 'גאוה בישראל'.

פריער אז עס איז נישט געווען דער גלות און דאס גרויסקייט איז געווען ביי אידן, איז עס טאקע געווען א 'גאוה דקדושה'; דאס גרויסקייט, דער כבוד, איז געווען ביי אידן 'כבוד התורה', 'כבוד השי"ת'; אבער אז עס איז געווארן דער גלות, איז דאך די גאוה אריינגעפאלן - גאוותן של ישראל שניתנה לעכו"ם, עס איז אריינגעפאלן צו זיי, איז ביי זיי איז שוין די גאוה א פראסטע גאוה. ממילא אז זיי קומען צוגיין, קומען זיי צוגיין מיט דער גאוה, ברענגען זיי אריין 'גאוה בישראל'.

"ועל־ידי־זה נוטלין חרב הגאוה מנהיגי הדור, שמתגאים על הדור בחינם" - זיי נעמען צו זיך דער גאוה. זאגט דער רבי: "עס איז דא מנהיגים שמתנהגים ברבנות ומושלים על עם דל, והם מתגאים על הדור בחינם". וואס הייסט 'בחינם'? "כי לא ניתן להם גדולה מן השמים כלל" - מן השמים האט מען זיי נישט געגעבן קיין גדולה, זיי האבן עס אליין גענומען.

דער אמת'ער צדיק, וואס ער ווערט טאקע דא א מושל, גיט מען אים מן השמים גדולה, מן שמים איז מען אים ממליך ער זאל פירן. אבער זיי זענען זיך מתגאה בחינם, מן השמים האט מען זיי נישט געגעבן קיין גדולה, "רק הם מתגאים מעצמם על הדור בחינם. און זיי זענען מקבל דעם 'חרב הגאוה', בבחינת (דברים לג): 'וַאֲשֶׁר חֶרֶב גַּאֲוָתֶךָ', דורך די גרים, שהם מכניסין גאוה בישראל, ומושלים על עם דל בחינם".

זאגט דער רבי: "זיי האבן א כח אפילו צו מעניש זיין דעם וואס ער וויל נישט זיך מכניע זיין תחת ממשלתם, וכל זה על־ידי חרב הגאוה". זאגט דער רבי: "ובאמת אין זה נקרא 'מעניש', נאר דאס הייסט גאר א 'מזיק', כי הם מזיקי עלמא.

"וזה, 'קשים גרים לישראל כספחת'"; וואס איז 'ספחת'? ס'וואקסט פון זיך אליין, "בחינת ספיחים שגדלים מאליהם, היינו שעל־ידי הגרים נוטלין גאוה מנהיגי הדור שגדילים מאליהם ומתגאין מעצמן על הדור בחינם, כי לא ניתן להם הגדולה מן

השמים כלל כנ"ל, ועל־כן נקראים גרים, על שם (תהלים סג): 'יַגִּירֻהוּ עַל יְדֵי חָרֶב', כי על־ידי הגרים ווערט דער חרב הגאוה כנ"ל".

❖

(אות ו') זאגט דער רבי: "ועל־ידי הגאוה של אלו המנהיגי הדור, על־ידי־זה' זענען זיי מגביר תאות ניאוף אין דער וועלט, בבחינת (משלי ו): 'וְאֵשֶׁת אִישׁ נֶפֶשׁ יְקָרָה תָצוּד'" - 'פגם הברית' ווערט דורך 'נפש יקרה'. 'נפש יקָרה' מיינט מען דאך 'גאוה'; דורך גאוה ווערט פגם הברית. "שעל־ידי גאוה מתגבר תאוות ניאוף, וואס דאס איז דער חותם דסטרא אחרא, בחינת (ויקרא טו): 'הֶחְתִּים בְּשָׂרוֹ מִזּוֹבוֹ'".

אוי! דער מענטש האט א 'חותם' פון דער 'סטרא אחרא'!

"כי על־ידי חרב הגאוה דקדושה", [דער 'כבוד דקדושה' דאס איז ביי די צדיקים אמיתיים], "איז מען זיך מתגבר אויף תאות ניאוף, בבחינת (תהלים מה): 'חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל יָרֵךְ'". דער פסוק רעדט דארט פון דעם מלך המשיח: 'חגור' - גארטל אָן - 'חרבך'. געוועגטליך (- כמובן) משיח צדקינו וועט דאך זיין דער מושל אויף דער גאנצער וועלט, ביי אים וועט זיין די 'גאוה דקדושה', 'חגור חרבך על ירך' - ער איז זיך מתגבר אויף 'פגם הברית'. "אבער דורך דעם חרב הגאוה פון די מנהיגים שמקבלים מהגרים כנ"ל, מתגבר ח"ו תאוה זו כנ"ל".

❖

## 'גַּאֲוָה אֲפִיקֵי מָגִנִּים'

(אות ז') זאגט דער רבי: "ולהנצל מזה". עס ווערן דאך גרים און עס ווערט א התגברות פון גאוה, פון פגם הברית, איז וואס זאל מען טוהן? זאגט דער רבי, ניצול צו ווערן דערפון "איז דורך די 'מגינים שבדור'. ווייל עס זענען דא 'מגיני ארץ' וואס זיי זענען מגין אויף אונז און זיי זענען אונז מציל, ווייל זיי זענען מכניע דעם חותם דסטרא אחרא וואס עס איז געווארן דורך דער גאוה, בבחינת (איוב מא): 'גַּאֲוָה אֲפִיקֵי מָגִנִּים סָגוּר חוֹתָם צָר'. דאס הייסט, די 'מגינים' ציהען ארויס דער 'גאוה', און זיי פארמאכן דעם 'חותם צר'". ווער איז דער 'חותם צר'? דאס איז די סטרא

אחרא. "שהם סוגרין ומכניעין חותם דסטרא אחרא וואס דאס איז די תאוה הנ"ל שנעשה על־ידי גאוה כנ"ל".

"ועל־ידי שהם מכניעים זאת התאוה שהוא בחינת חותם דסטרא אחרא, על־ידי־זה נעשה בחינת תפילין, מוחין, שהם בחינת חותם דקדושה, בחינת (שיה"ש ח): 'שִׂימֵנִי כַחוֹתָם עַל לִבֶּךָ כַּחוֹתָם עַל זְרוֹעֶךָ' (עיין תיקון א' ותיקון כ"ב)"; דאס איז די 'תפילין של יד' און די 'תפילין של ראש', דאס איז די תפילין, אט דאס איז דער 'חותם דקדושה'; ער ווערט פאר'חתמ'ט אין דער קדושה וואס דאס איז תיקון הברית, דאס איז א גוטער חותם. די 'מגיני ארץ' זענען 'סגור חותם צר', זיי זענען מכניע דעם 'חותם צר' - דעם חותם פון דער סטרא אחרא, ממילא איז זיך מתגבר דער 'חותם דקדושה', ווערט 'תפילין'.

זאגט דער רבי: "כי עיקר תיקון המוחין על־ידי שבירת תאות ניאוף" - דער עיקר מח - פאררעכטן דעם מח - איז דורכ'ן צעברעכן דער תאוה, "כי עיקר המח על־ידי ליחות הגוף" - אז דער מח איז נישט פארטריקנט, "כי המח הוא כמו נר דולק" - אזוי ווי א ליכט ברענט, "והליחות שבגוף הם עולים להמח - און דאס ווערט שמנים אל המח", און דער מח ברענט.

"נמצא שעיקר המוחין" אז דער מח זאל זיין א נר דולק, "על־ידי ליחות ושמנונית הגוף. על־כן" - זאגט דער רבי - "אז מען איז מכניע דער תאות ניאוף, ואין יוצאין ליחות ושמנונית הגוף לחוץ" - זיי גייען ארויף נאר צום מח, זיי גייען נישט ארויס 'לחוץ', "על־ידי־זה עולין הליחות אל המח ונעשה שמנים, שזה עיקר המוחין".

דער מח האט א לחלוחית; דער עיקר לחלוחית אין דער קדושה איז, זיין אפגעהיטן פון פגם הברית, דעמאלט גייט עס ארויף צום מח און דער מח ברענט, האט דער מח לחלוחית, ער איז נישט פארטריקנט, ווערט ער א 'נר דולק'.

דאס ענין פון פגם הברית איז איינגעשטעלט אין אסאך זאכן, אסאך זאכן הייסט 'פגם הברית', ער איז איינגעשטעלט אין 'דיבור' אויך, אז דער דיבור איז נישט אפגעהיטן איז אויך פגם הברית; אז די שמיעה איז נישט אפגעהיט, מען הערט וואס

מען דארף נישט הערן, איז אויך פגם הברית; די ראייה, דאס זעהן, איז אויך פגם הברית, אסאך זאכן איז דא וואס דאס איז אלץ פגם הברית.

דורך פגם הברית ווערט פארטרינקט די 'ליחות' און 'שמנונית הגוף' און דער מח האט נישט מיט וואס צו לייכטן, מען גיט אים נישט קיין שמנים.

"עין רואה והלב חומד"[לג], דאס הייסט אלץ פגם הברית.

אז דער 'דיבור' איז נישט אפגעהיטן - זאגט דער רבי אין תורה י"ט[לד] - "**זה בלא זה אי אפשר!**". 'תיקון הברית' אָן 'לשון קודש' קען בשום-אופן נישט זיין. א מענטש אז ער וועט נישט אפהיטן דעם דיבור, קען נישט זיין קיין תיקון הברית; 'זה בלא זה אי אפשר' - זאגט דער רבי.

מען רעדט דא פון 'תיקון הברית' - אז דער 'דיבור' דארף זיין אפגעהיטן, דער 'דיבור' די 'שמיעה', די 'ראייה', דאס אלעס הייסט 'תיקון הברית', ממילא ווערט שוין אלעס; אבער אז דאס איז נישט אפגעהיטן - ווערט שלעכטע ליחות, עס ווערט שלעכטע שמנונית, און דער מח ברענט נישט, ער לייכט נישט.

זאגט דער רבי: "על-כן, דורך די מגינים וואס זיי זענען דאך מכניע תאוה זו, על-כן הם עושין על-ידי-זה בחינת תפילין מוחין כנ"ל, ווייל זיי זענען מעלה די ליחות הגוף פון בחינת 'החתים בשרו'". 'החתים בשרו מזובו' דאס איז 'פגם הברית'. זיי זענען דאס מעלה "און מאכן דערפון 'מוחין', בחינת 'תפילין', כי תפילין הם התנוצצות המוחין".

אה! "התנוצצות המוחין"! דער מח דארף אונז שיינען, דער מח דארף לייכטן מיט הייליגע געדאנקען, אט דאס איז דער עיקר, דער מח!

"כי תפילין הם התנוצצות המוחין, וואס דערפאר ווערן די תפילין אנגערופן 'יקָר', אזוי ווי חז"ל זאגן (מגילה טז:): "'ויקר' - 'אלו תפילין', כי התפילין נעשין על-ידי תיקון תאוות ניאוף, שהיא בחינת: 'אשת איש נפש יקרה תצוד'". 'נפש יקרה'

---

[לג] ירושלמי ברכות א, ה.

[לד] אות ג'.

מיינט מען די 'גאוה', און ביי דער 'תיקון תאות ניאוף' הייסט עס טאקע 'יקר', דער היפך פון 'תאות ניאוף', פון 'נפש יקרה'[לה].

"ועל־כן ווערן די תפילין אנגערופן 'פאֵר', ווארום די תפילין ווערן דורך דער תיקון הגאוה וההתפארות וואס די גרים ברענגען אריין", פון דעם ווערט 'יקָר' - תפילין. 'אזוי' - איז 'נפש יקרה' - 'גאוה', און 'אזוי' - איז 'יקר' - 'תפילין'

## 'במופלא ממך אל תדרוש'

"וזה בחינת (שמות ג): 'וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה'. 'משה' דאס איז דער 'דעת', 'מוחין', 'תפילין', ער איז דער 'רועה דקדושה', היפך 'רועה זונות' (משלי כט)". עס איז דא א 'רועה' פון פגם הברית - אויך א רועה; דער היפך פון 'רועה זונות' איז 'משה', ער איז דער 'רועה דקדושה'.

"וזה בחינת שבעה רועים דקדושה" - דאס איז די 'שבעה רועים'. 'תפילין' איז דאך 'מוחין', און 'מוחין' איז דער 'דעת', "בחינת 'משה היה רועה', בחינת 'תפילין'. אין תפילין איז דא שבעה (ראשים), שין של ג' ראשים, און שין של ד' ראשים, וואס דאס איז בחינת 'שבעה רועים'".

"וזה בחינת שד"י של תפילין" - דער שם שד"י - שי"ן דל"ת יו"ד, "דאס איז דער צמצום". אזוי ווי תפילין איז דאך מוחין, איז וויבאלד מען רעדט פון מוחין, דארף מען האבן א צמצום אויך. "וואס יעדער איינער דארף זעהן מצמצם זיין את מוחו ושכלו".

יעדער איינער דארף דאך וויסן ביי וואס ער האלט - 'ער וועט ארומגיין טראכטן הויכע געדאנקען?! ער וועט אריינלויפן אין 'קבלה', צו אין אזעלכע זאכענישן?! ער דארף מצמצם זיין זיין מח און זיין שכל 'לפי ערכו'". וואס ער דארף זיך אויסבעסערן -

[לה] עיין דבריו הנפלאים של מוהרנ"ת מה שכתב בענין זה ב'ליקוטי עצות' ערך 'ברית' אות נ"ז: **וְזֶה צָרִיךְ כָּל אֶחָד לֵידַע**, שֶׁכָּל מַה שֶּׁמִּתְגַּבְּרִין עָלָיו הַהִרְהוּרִים בְּיוֹתֵר, כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר כְּנֶגְדָּם וּבוֹרֵחַ מֵהֶם וּמְשַׁבְּרָם **הוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה תִּקּוּן גָּדוֹל מְאֹד**, וּמַעֲלֶה הַקְּדֻשָּׁה מֵהַקְּלִפָּה וּמַמְשִׁיךְ **בְּחִינַת קְדֻשַּׁת הַתְּפִלִּין** שֶׁהֵם הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין, לֵידַע וּלְהוֹדִיעַ אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם. **וְכָל מַה שֶּׁמִּתְגַּבְּרִין עָלָיו יוֹתֵר וְיוֹתֵר נַעֲשֶׂה מִזֶּה בְּחִינַת תִּקּוּן הַתְּפִלִּין בְּיוֹתֵר כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר כְּנֶגֶד גֹּדֶל הִתְפַּשְּׁטוּתָם לְשַׁבְּרָם**, כִּי **רַק בִּשְׁבִיל זֶה** נִשְׁלָח עָלָיו הַהִרְהוּרִים וְרַעְיוֹנִים רָעִים וְזָרִים כָּאֵלֶּה, כְּדֵי שֶׁיִּתְהַפֵּךְ וְיִהְיֶה נַעֲשֶׂה מֵהֶם דַּיְקָא בְּחִינַת תִּקּוּן הַתְּפִלִּין כַּנַּ"ל.

דארף ער וויסן וואס אים פעלט, און דאס דארף ער האלטן ביי זיין מח; אבער גיין אין הויכע זאכן - צו הויך טויג אויך נישט.

"שד"י" איז א צמצום. אין 'צמצום' איז דא צוויי ערטער; נישט אראפ אין דער סטרא אחרא, און נישט צופיל ארויף הויך. גיי גלייך, קען זיך ביי וואס דו האלטסט, וואס דו דארפסט ווערן - דארט זאל משוטט זיין דיין מח.

דער בעל-דבר וויל אים אמאל צעברעכן, הייסט ער אים קריכן צו הויך, און דארטן קען ער דאך נישט זיין - ווארפט ער אים גלייך אראפ. דער רבי זאגט: "יעדער איינער דארף מצמצם זיין 'את מוחו ושכלו', **שלא להניח את המח לצאת חוץ לגבול שיש לו, שלא יהיה משוטט המח במה שאין לו רשות לפי מדריגתו**".

אזוי ווי דער מענטש דארף היטן דעם מח פון שלעכטע געדאנקען, אזוי דארף ער היטן דעם מח פון נישט צופיל הויך - 'דאס איז נישט שייך צו דיר'![לו] דארטן וואו דו האלטסט - דארטן דארפסטו זעהן זיך אויסבעסערן וואס דו דארפסט, און אט דאס זאל זיין דיין געדאנק - 'דו זאלסט ווערן בעסער'; אבער נישט ארויסגיין 'ממדריגתו'.

זאגט דער רבי: "'**במופלא ממך אל תדרוש, במכוסה ממך אל תחקור**' (חגיגה יג), **שזה בחינת שד"י, בחינת צמצום**. ווארום דער שם שד"י ווייזט '**שיש די באלקותו לכל בריה**' (כמובא בפירש"י פר' לך) - יעדער איינער האט ביים אויבערשטן געענוג אלוקות" מיט וואס ער זאל זיך מסתפק זיין, וואס דאס האט א שייכות צו אים; "**לכל בריה**" איז דא '**דַי באלקותו**'.

דער שם שד"י איז - '**שיש דַי**'. אבער אז א מענטש וועט זיך נעמען העכער'ס, איז דאך נישט '**דַי**'. '**דַי**' איז א צמצום. ביי יעדן איינעם איז דא א צמצום פון דעם אלוקות. אוודאי דארף ער משתוקק זיין ער זאל ווערן בעסער, נאר ווערדליג ער איז - זאל ער ווערן בעסער. ער ווייסט דאך ביי וואס ער איז, זאל ער האבן השתוקקות צו ווערן בעסער.

---

[לו] עיין ליקוטי הלכות הל' ביהכנ"ס ה"ה אות כ"ד: כִּי יֵשׁ עֲשָׂרָה עֲמָקִים עֹמֶק טוֹב וְעֹמֶק רַע וְכוּ' (כַּמּוּבָא בְּסֵפֶר יְצִירָה) **וַאֲפִלּוּ מֵעֹמֶק טוֹב** צְרִיכִין לִצְעֹק לַה', כִּי **אֲפִלּוּ מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת אָסוּר לְהַעֲמִיק בָּהֶם יוֹתֵר מִדַּאי כַּיָּדוּעַ** שֶׁלֹּא יֵצֵא חוּץ מִן הַגְּבוּל חַס וְשָׁלוֹם.

אז ער וועט האבן השתוקקות און ער וועט געבן א לויף ארויף הויך - דאס איז דאך נישט שייך, ער וועט באלד ארפפאלן, עס וועט אים צוברעכן, דאס איז דאך 'במופלא ממך אל תדרוש', דאס איז דעם בעל־דבר'ס א 'כלי זיין'; אזוי ווי ער האט א 'כלי זיין' יענעם אריינווארפן אין שלעכטע ערטער, האט ער א 'כלי זיין' - לויף ארויף צו הויך, אזוי ווארפט ער אים נאכאמאל אראפ[לז].

זאגט דער רבי אזוי: "שאסור לו לילך בשכלו כי אם עד הגבול - לא יותר" - נישט מערער. זאגט דער רבי: "כי כל אחד ואחד יש לו גבול וצמצום בשכלו לפי ערכו, שאפילו בקדושה אסור לו לצאת חוץ לגבול שיש לו" - אפילו 'בקדושה'! מען רעדט דאך דא פון מוחין קדושים!

מען רעדט טאקע אמאל דארטן אין אידישקייט, אבער זאגן איינעם א דיעה - אים זאגן - 'טוה אזוי', 'טוה אזוי' - קען מען נישט, יעדער איינער (האט זיך זיין ערך), איך ווייס נישט זיין ערך, איך טאר נישט יענעם זאגן, מען דארף נאר רעדן 'בכלל', מען איז זיך מחזק אין אידישקייט, אבער זאגן - קען איך נישט; איך ווייס דען יענעמ'ס מח?! איך ווייס דען ביי וואס ער האלט?! איך קען דען זאגן יענעם א דיעה? איך קען זיך מישן צו יענעם?!

"בבחינת: 'במופלא ממך אל תדרוש' וכו', בחינת (שמות יט): 'פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה' לִרְאוֹת' וכו'". מען קען זיך דען אויסמאָלן וואספארא מין השתוקקות אידן האבן געהאט ביים בארג סיני?! דער גאנצער בארג איז געווען - עס האט געברענט, געפלאקערט פייער, עס האט געדונערט, עס האט געציטערט, דאס אלקות איז געווען - עס האט אזוי געשיינט אלקותו, עס איז געווען א פחד, די גאנצע וועלט האט געציטערט פון דאס אלוקות, האבן זיי דאך געקענט לויפן - "לויף נישט ווייטער"! "וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב"![לח] גיי נישט ווייטער!

---

[לז] עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז אות י': כִּי הַיֵּצֶר הָרָע וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא אוֹרְבִים עָלָיו **מִכָּל צַד**, כְּשֶׁמִּתְעוֹרֵר בּוֹ אֵיזֶה הִרְהוּר תְּשׁוּבָה לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ, הוּא חוֹתֵר עָלָיו לְבַלְבְּלוֹ בְּכָל מִינֵי בִּלְבּוּלִים וּמְנִיעוֹת, **לִפְעָמִים** כִּפְשׁוּטוֹ שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו אָז דַּיְקָא בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל בְּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת שֶׁהֵם עִקַּר הַיֵּצֶר הָרָע כַּנַּ"ל. **וְלִפְעָמִים** כְּשֶׁהָאָדָם מִתְגַּבֵּר נֶגְדּוֹ בַּמֶּה דְּאֶפְשָׁר, הוּא מִתְגַּבֵּר עַל יְדֵי הִתְלַהֲבוּת הַלֵּב יוֹתֵר מִדַּאי.

[לח] שמות שם - סיום הפסוק.

ער האט געזעהן אזא מין אלוקות, די גאנצע וועלט האט דאך געציטערט פון דאס אלוקות וואס איז געווען דעמאלט, האט ער געוואלט גיין אביסעלע ווייטער, נענטער זיין צום אלוקות - ניין! 'פן יהרסו'! דו וועסט פאַלן, גיי נישט ווייטער, שטיי![לט]

"וזה בחינת וואס דער אויבערשטער האט געזאגט (שם לג): 'וְשַׂמְתִּיךָ בְּנִקְרַת הַצּוּר'" - איך וועל דיר אריינטוהן אין דעם שפאלט פון דעם 'צור', "הנאמר במשה, בעת שזכה לראות ולהשיג מה שהשיג, היינו, אז דער אויבערשטער האט אים מבטיח געווען 'להגין עליו', שיהיה נסתר בנקרת הצור, דהיינו בחינת צמצום, שלא יצא המח לשוטט חוץ לגבול שהיה לו".

פון דאנעט ווייזט אויס, דאס דארף מען אויך בעטן דעם אויבערשטן. דער רבי זאגט, דער אויבערשטער האט מבטיח געווען פאר משה רבינו אז ער וועט נישט ארויסגיין 'חוץ לגבול', "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי"[מ]. יעדער איינער דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן - 'פיר מיך אויף מיין וועג ווי אזוי איך דארף גיין, מיט דיין אמת - אויף מיין וועג, איך זאל נישט ארויף-לויפן צופיל".

אז א מענטש בעט באמת, איז אים דער אויבערשטער מבטיח - 'דו וועסט גיין וואו דו דארפסט, דו וועסט נישט לויפן ווייטער און העכער'. אבער ער דארף דאס וויסן, ער דארף זיך קענען, וויסן ביי וואס ער איז, און וויסן וואס ער דארף ווערן בעסער; אבער געבן א לויף אזוי הויך, ער וויל זיך גלייכן צו א גדול, ער זעהט שוין דארטן אין א ספר אז גדולים האבן געטוהן - וויל ער שוין נאכגיין נאך די גדולים "שוין" - כאפט

---

[לט] וראה מ"ש בהערה בליקוטי מוהר"ן שם: פירוש, כל אחד ואחד יש לו גבול וצמצום בידיעת אלקותו, לפי ערכו ומדריגתו. כי מה שנחשב להקטן במעלה בחינת 'במופלא ממנו', שהוא למעלה ממדריגתו, וצריך לצמצם שכלו שם, זה אצלו בחינת במופלא ממנו. והאדם הגדול ממנו במעלה הגבוה, הוא יכול להשיג זאת, רק שהוא יש לו צמצום וגבול אחר גבוה ממנו, ששם הוא צריך לצמצם שכלו. וכן אדם הגבוה עוד יותר, גם זה אינו נחשב אצלו בחינת במופלא ממנו, רק שיש לו צמצום וגבול גבוה עוד יותר. וכן בכל אדם ואדם לפי מדריגתו. נמצא שלכל אדם וכל בריה יש לו צמצום וגבול מיוחד בהשגת אלקותו יתברך לפי מדריגתו, שעד זה הגבול מותר לרדוף מחשבתו להשיג ממנו יתברך לא יותר. וזה בחינת שד"י, שדרז"ל 'שיש די באלקותו לכל בריה'. היינו שכל בריה ובריה יש לו די וגבול וצמצום באלקותו, היינו בידיעת אלקותו, היינו שכל בריה ובריה יש לו די וצמצום וגבול מיוחד בפני עצמו בידיעת אלקותו כפי מדריגתו, וזהו 'שיש די באלקותו לכל בריה'.

[מ] שמות לג. כג.

ער א קלאפ "באלד"! דאס איז דער 'פן יהרסו'. דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז.

❖

## דערקוויקן

(אות ח') סעיף ח'. "ועל־ידי־זה נעשים דיבורים כשרים". מיר האבן אויבן געלערנט אז די מוחין זענען 'מוחין זכים', ווערט דערפון 'תפילין', 'התנוצצות המוחין'. און דער רבי זאגט, מען זאל היטן אז די מוחין זאלן נישט אראפגיין פון דעם גבול - 'אפילו בקדושה' דארף ער אויך היטן דעם מח עס זאל נישט ארויסגיין 'חוץ לגבול שיש לו'. איז 'על־ידי־זה' וואס דער מח איז אפגעהיטן, ווערן 'דיבורים כשרים', "להחיות ולהשיב את הנשמות הנפולות".

"כי יש נשמות שנפלו, דארף מען זיי מחיה זיין, ולהשיב אותם בכל מיני מטעמים המשיבין את הנפש" - די געפאלענע נשמות דארף מען מחיה זיין, זיי דערקוויקן 'בכל מיני מטעמים המשיבין את הנפש', "בבחינת (שיה"ש ב): 'סַמְּכוּנִי בָּאֲשִׁישׁוֹת, רַפְּדוּנִי בַּתַּפּוּחִים, כִּי חוֹלַת אַהֲבָה אָנִי'".

דורך וואס ווערן די דאזיגע 'דיבורים כשרים' זיי צו מחיה זיין? זאגט דער רבי: "ועל־ידי 'תיקון וזיכוך המוחין', וואס ווערט דורך די 'מגיני ארץ', פון דעם ווערט 'אמרות טהורות להחיותם'" - זיי צו מחיה זיין.

"כי עיקר התגלות המח הוא בהדיבור" - דער 'התגלות המח' גייט אריין אין דעם דיבור. אין 'דיבור', דארטן ווייזט זיך ארויס דער מח, דארטן דעקט זיך אויף דער מח. "כמו שכתוב (משלי ב): 'מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה'" - פון דעם מויל רעדט זיך ארויס דער 'דעת ותבונה'. דער 'התגלות המח' איז אין 'דיבור'.

"ועל־כן כשהמוחין זכים, ווערן 'דיבורים כשרים', ובהם משיבין את הנשמות הנפולות" - מיט די 'דיבורים כשרים' קוויקט מען די 'נשמות הנפולות', "בבחינת (שם כו): 'שִׁבְעָה מְשִׁיבֵי טָעַם' - דאס איז א פסוק אין "משלי"; טייטשט דער רבי אזוי: "דורך 'תפילין', 'מוחין', דאס זענען דאך 'שבעה', בחינת 'שבעה רועים', פון דעם

**ווערט 'שבעה משיבי טעם', היינו 'דיבורים כשרים' שבהם משיבין הנשמות שנפלו".**

**אויבן האבן מיר געלערנט אז די מוחין איז די זאך פון תפילין, שין של ג' ראשים, שין של ד' ראשים, דאס איז 'שבעה', 'שבעה רועים', דאס איז תפילין-מוחין, די מוחין איז די זאך פון 'שבעה', 'שבעה רועים', אזוי ווערן 'דיבורים' פון 'משיבי טעם'.**

**"שהם בחינת** (שם כד)**: 'שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם'". 'שבע' - דורך די 'שבעה רועים' ווען עס איז דא די 'מוחין', איז 'יפול' - די נשמות וואס זענען געפאלן, 'צדיק וקם' - דער צדיק וועט זיי אויפשטעלן. דער צדיק האט דאך ריינע מוחין, האט ער דאך די 'דיבורים כשרים', איז דער וואס איז געפאלן - דער צדיק וועט אים אויפשטעלן.**

**"וזה בחינת** (תהלים יב)**: 'אִמְרוֹת ה' אֲמָרוֹת טְהוֹרוֹת מְזֻקָּק שִׁבְעָתָיִם'. ווי אזוי ווערן די 'אמרות טהורות'? די דיבורים, די 'אמרות טהורות' וואס ער רעדט, דאס איז 'דיבורי ה'', אמרות ה', איז "די 'אמרות טהורות' ווערן דורך 'זיכוך המוחין', בחינת 'תפילין', שהם בחינת 'שבעה רועים', שעל־ידי־זה נעשה 'שבעה משיבי טעם'".**

**"וזה: 'מזוקק שבעתיים'". 'שבעתיים' איז צוויי מאל 'שבעה'; דורך די 'שבעה רועים', און דורך די 'מוחין', ווערט 'שבעה משיבי טעם'. פון וואנעט ווערן די 'אמרות טהורות'? זיי ווערן פון 'מזוקק', פון וואס מען 'לייטערט', מען האט ריינע מוחין, 'שבעתיים' - פון דעם ווערן די 'שבעה משיבי טעם'.**

**און דער היפך, אז דער מח איז נישט אפגעהיט, איז נישטא קיין 'אמרות טהורות' וואס עס זאל קענען קוויקן, עס איז נישטא.**

**אזעלכע אראפגעפאלענע נשמות - דארף מען זיי קוויקן, מען דארף זיי מחיה זיין![מא]**

**מען דארף רעדן פון יענעם?! זאל מען רעדן פון זיך אליין! אז ער זאל קענען קוויקן זיין נשמה, ער זאל זיך קענען מחיה זיין, דארף ער האבן 'אמרות טהורות'. 'אמרות**

[מא] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' עריו"כ תקצ"ג: מַה נֹּאמַר מַה נְּדַבֵּר, מַה נָּשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלֵינוּ שֶׁהֶחֱיָה אוֹתָנוּ בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ בְּמַטְעַמִּים קְדוֹשִׁים כָּאֵלּוּ, **בְּשִׁבְעַת מְשִׁיבֵי טַעַם** שֶׁיְּכוֹלִים לְהַחֲיוֹת וּלְהָשִׁיב בָּהֶם שֶׁקּוֹרִין **דֶּער קְוִויקִין** כָּל הַנְּפָשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, כָּל הַחוֹלִים וְהַחֲלוּשִׁים בָּחֳלִי הַנֶּפֶשׁ מְאֹד.

טהורות׳ ווערט פון ׳זיכוך המוחין׳, דעמאלט קען ער קוויקן דער נשמה וואס איז געפאלן.

❖

## חלום על־ידי מלאך

(אות ט׳) זאגט דער רבי: ״וזה בחינת חלום על־ידי מלאך, כי אלו המאמרות טהורות הם בחינת מלאך, בחינת חלום על־ידי מלאך״.

דער רבי זאגט דאך אז דער דיבור גייט ארויס פון די מוחין, ׳מפיו דעת ותבונה׳. ״כי הדיבור הוא הרשימה של המח, כי מה שנרשם ונעלם במח, ווערט דאס ׳נחקק ונרשם בהדיבור׳״ - אז עס איז נרשם אין מח, ווערט דאס אויסגעקריצט אין דעם ׳דיבור׳, ״איז אז די מוחין זענען ׳מוחין זכים׳, שעל־ידי־זה נעשין ׳אמרות טהורות׳, אזי גם כשנסתלק המח בשעת שינה״ - בשעת שינה גייט דאך אוועק דער מח, ״און עס בלייבט נישט איבער נאר א רשימה פון דעם מח, וואס דאס איז דער ׳דיבור׳״ -

דער ׳דיבור׳ איז א בחינת ׳שינה׳. דער ׳מח׳ הייסט בשעת ער איז וואַכעדיג, און ׳שינה׳ הייסט די דיבורים וואס ווערן בשעת עס בלייבט די ׳רשימה׳ פון דעם מח. איז אז דער מח איז א ריינער מח, דאס הייסט, בשעת ער איז וואכעדיג איז עס ׳מוחין זכים׳, איז אפילו ׳בשעת שינה׳ וואס דעמאלט האט ער נאר דעם ׳דיבור׳, גייט אריין די ׳מוחין׳ אין דעם ׳דיבור׳ וואס דאס איז די ׳רשימה׳ פון דעם מח, און ״׳אזי גם כשנסתלק המח בשעת שינה׳ און עס בלייבט דעמאלט איבער נאר דעם דיבור, ׳אזי גם הרשימה זכה, בבחינת חלום על־ידי מלאך׳״.

דאס איז שייך ביי א מענטש וואס דער מח איז אים א ריינער מח, און די דיבורים זענען שיינע גוטע דיבורים, איז די דיבורים הייסט שוין ׳שינה׳, די דיבורים איז שוין א קלענערע זאך, דאס דביקות פון דעם מח איז העכער ווי דעם דיבור; נאר וואס דען, די רשימה גייט אריין אין ׳דיבור׳ און דאס איז א בחינת ׳שינה׳, איז ׳חלום על־ידי מלאך׳.

אנטקעגן די 'מוחין' הייסן די 'דיבורים' אזוי ווי א מין 'שינה'. נאר וויבאלד עס איז 'אמרות טהורות' איז עס 'חלום על־ידי מלאך'. אבער אז עס איז נישט קיין 'דיבורים טהורים', איז 'חלום על־ידי שד'; דער רבי וועט דאס זאגן ווייטער.

"וזה בחינת שאחר הסתלקות משה איז געקומען דער שר צבא ה'" - א מלאך - צו יהושע'ן, "ואמר (יהושע ה): 'עַתָּה בָאתִי'" - איצטער בין איך געקומען. "הסתלקות משה - זה בחינת הסתלקות הדעת, בחינת שינה, שאז הדעת מסתלק און עס בלייבט נישט איבער נאר א רשימה, אזי הוא בחינת: 'וַיֹּאמֶר וְכוּ' אֲנִי שַׂר צְבָא ה'', דהיינו 'מלאך', דאס איז 'חלום על־ידי מלאך'".

יהושע קעגן משה'ן הייסט שוין א 'בחינת שינה'. משה איז געווען דער 'דעת'; 'משה' איז די 'מוחין' - דער 'דעת', און 'יהושע' איז שוין די רשימה פון משה'ן, דאס הייסט, א 'בחינת שינה'.

"איצטער בין איך געקומען". ווען משה איז געווען - משה האט בשום אופן נישט געוואלט קיין מלאך. עס ווערט געבראכט[מב], דער מלאך האט נישט געקענט גיין צוריק, האט ער זיך ארומגעדרייט אזוי ביז משה איז נסתלק געווארן, איז ער געקומען צו יהושע'ן און ער האט זיך געבעטן ביי אים - 'משה האט מיך נישט געוואלט נעמען, האב איך אזוי פיל יארן געמוזט זיין נע ונד!' - דאס איז א מדרש - 'איצטער, זעה איך זאל נישט אוועקגיין, דו זאלסט מיך נעמען!' - "עתה באתי"! און יהושע האט אים געמוזט נעמען, ווייל יהושע האט נישט געהאט די מוחין פון משה רבינו.

זאגט דער רבי דא, בשעת 'הסתלקות המוחין' בלייבט נאר א 'רשימה' פון דעם מח. ברענגט דער רבי א ראיה פון משה מיט יהושע'ן; משה דאס איז די מוחין, אז משה איז נסתלק געווארן, איז געקומען דער מלאך, איז געקומען 'חלום על־ידי מלאך', דאס איז די 'רשימו', יהושע איז שוין נאר געווען א רשימה פון משה'ן - אזוי ווי דער שלאף וואס איז א רשימה פון דעם גאנצן טאג; "כי אז נשאר הרשימו בבחינת מלאך, בחינת חלום על־ידי מלאך".

---

[מב] בראשית רבה צז, ג.

דער 'רבי מיטן תלמיד' איז אזוי ווי א 'בחינת מוחין' מיט א 'רשימו של המוחין'; די רשימה פון די מוחין, די רשימה פון דעם רבי'ן, וואס בלייבט אין דעם תלמיד, דאס איז א 'בחינת מלאך'[מג].

'חלום על־ידי מלאך' איז א גוטער חלום - 'אמרות טהורות' - זאגט דער רבי, 'גוטע דיבורים'.

❖

"וזה בחינת (תהלים סח): 'ה' יִתֶּן אֹמֶר, הַמְבַשְּׂרוֹת צָבָא רָב'. "השם" דאס איז דאך די 'מוחין' - אזוי זאגט דער רבי אין אַן אנדערע תורה[מד]. "יתן אומר" - דאס איז די 'אמרות טהורות'. איז 'המבשרות צבא רב'. "ה' יתן אומר" - **דאס איז די 'אמרות טהורות', בחינת 'הרשימה של המח'**". "השם יתן" - די מוחין גיבן ארויס, "אומר" - די 'אמרות טהורות', די 'רשימה של המח', "**וואס דאס איז דער מלאך. וזהו 'המבשרות צבא רב', היינו מלאכים כנ"ל**".

עס ווייזט אויס, ביי יעדן איינעם איז דא דאס דאזיגע; וואס דער מענטש היט מער דעם מח, זענען די דיבורים שענערע דיבורים, עס איז 'אמרות טהורות'; און וואס דער מח איז נישט אפגעהיט, איז עס נישט קיין ריינע דיבורים; אפילו ער רעדט - אבער 'אמרות טהורות' זיי זאלן קוויקן דעם נפש, די נשמות הנפולות, פון יענעם צו פון זיך אליין, מען זאל קענען קוויקן זיך מיט די דיבורים, דאס איז אלעם תלוי אין דעם מח; די 'רשימו' פון דעם מח גייט אריין אין 'דיבור' און דאס ווערט די 'אמרות טהורות'.

---

[מג] עיין ביאור הליקוטים על תורה זו מאמר כ"ט: "לפי כל הנ"ל תבין מרחוק על אודות ה'אמרות טהורות' **שהמשיך בשינתו והסתלקותו** ממש, על ידי תלמידו, [שגילה לו בעת הזאת שהוא בבחינת מלאך], **להחיות ולהשיב כל הרחוקים והנופלים בשבעה משיבי טעם, שאין דוגמתם**". גם עיין בפרפראות לחכמה על תורה זו אות י"ח: "ולעניות דעתי רומז בדברים אלו דברים גבוהים ונעלמים בענין **מה שעיקר השארת הרשימה הקדושה של רבינו ז"ל היה על ידי הר"ר נתן ז"ל**, ומה שעסק הר"ר נתן ז"ל כל ימיו לדבר עם אנשים הרבה מעבודת השם, **והקים הרבה נפשות הנפולות והחיה והשיב אותם בשבעה משיבי טעם ממש, כנראה קצת גם מהרשימה הקדושה שנשאר אחרי הר"ר נתן ז"ל בהחיבורים הקדושים שחיבר, שהם 'ליקוטי תפילות' ו'ליקוטי הלכות'**, ויותר מזה אשר הירבה לדבר עם אנשים הרבה בעל פה והשיב את נפשם ממש, והכל הוא על ידי ה'אמרות טהורות' שנעשו מהרשימה הקדושה של המוחין הקדושים של רבינו ז"ל, **וביותר עסק בזה הר"ר נתן ז"ל אחר הסתלקותו של רבינו ז"ל**".

[מד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' פ'.

א מענטש אז ער דאוונט מיט דיבורים; וואס דער מח איז אים שענער, איז עס אַן אנדער דאווענען, עס קוויקט אנדערש, עס דערקוויקט, עס איז מחיה, די דיבורים קוויקן[מה].

ווען מען זאלן וויסן דאס גרויסקייט פון דעם מח וואלט מען אזוי פיל אפגעהיט דעם מח! דאס גרעסטע פארמעג פון א מענטשן איז נאר דער מח!

דער רבי זאגט אין תורה כ"ה[מו], דאס איז דער עיקר 'השארה' וואס בלייבט איבער פון א מענטשן 'לאחר מותו' - דער 'שכל הנקנה'; איינגעקויפט א שכל, ער האט זיך איינגעקויפט א מח, א שיינעם מח, א ריינעם מח, דאס בלייבט איבער, דאס איז די השארה, און אלע דיבורים וואס ער האט איז שוין א רשימה פון דעם מח.

❖

"וזה בחינת מה שמובא בכתבי האר"י ז"ל, שצבאו"ת הוא הנעלם של שד"י". ביי שד"י - דעם שי"ן רעדן מיר ארויס, אבער דעם יו"ד נו"ן (של תיבת שי"ן) איז נעלם. ביי דעם דל"ת - דעם דל"ת זאגן מיר ארויס, אבער דעם למ"ד תי"ו (של תיבת דל"ת) איז שוין דער נעלם. און אזוי - יו"ד. איז דער נעלם פון דעם שי"ן - דער יו"ד נו"ן, און למ"ד תי"ו פון דעם דל"ת, און וא"ו דל"ת פון דעם יו"ד, דאס באטרעפט צבאו"ת מיט דעם כולל, עס באטרעפט פינעף הונדערט. צבאו"ת איז פיר הונדערט ניין-און-ניינציג, איז מיטן כולל איז אויך פינעף הונדערט.

טייטשט דער רבי אזוי: וואס הייסט דער 'נעלם' פון שד"י? ווען דער שד"י וואס דאס איז די 'מוחין', ווערט נסתלק, אט דאס איז די העלמה פון דעם שם שד"י, דעמאלט איז צבאו"ת, 'חלום על-ידי מלאך'. 'צבאו"ת' איז דאך 'מלאך', "שר צבא ה'"; ווען איז 'חלום על-ידי מלאך'? ווען עס איז נעלם דער שד"י, די מוחין; "דהיינו כשבחינת שד"י שהוא המוחין, נסתלק, בחינת הסתלקות המוחין בשעת שינה ואין נשאר רק הרשימו שהוא בחינת נעלם של שד"י, אזי זאת הרשימו שהיא בחינת נעלם של שד"י, היא בחינת צבאו"ת, בחינת מלאך".

---

[מה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ד ובסי' נ'.

[מו] אות א'.

דער רבי רעדט אין תורה ל"ה אויך, אז א מענטש שלאפט דארף ער דאך האבן א שמירה. אז ער איז וואכעדיג - דאס הייסט די מוחין. אבער בשעת דעם שלאף - וואס בלייבט אים דעמאלט איבער? ווער איז די שמירה? די 'רשימו' פון די מוחין בלייבט איבער און דאס היט אפ דעם שלאף.

אז עס איז 'חלום על-ידי מלאך' איז דאס אַן אנדער שלאף, איז דא 'אמרות טהורות'.

עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש[מז], די אלע רעיונים וואס א מענטש האט דעם גאנצן טאג, גייט אריין אין דעם 'אַויר' אריין, און בשעת ער שלאפט ווערן דערפון די אלע חלומות.

אז דער טאג איז א הייליגער טאג, און דער עיקר - אז דער מח איז געהייליגט, די מחשבה איז אפגעהיט, ער האט גוטע געדאנקען, גוטע זאכענישן, גייט ארויס פון אים גוטע רעיונות, איז עס אַן אנדער חלום, 'חלום על-ידי מלאך'; אבער אז דער מח איז נישט אפגעהיט בייטאג, גייען ארויף די אלע בלבולים דארטן, די אלע רעיונות, ווערט 'חלום על-ידי שד'.

עס שטייט אין תורה ל"ה[מח], דער מענטש בשעת ער שלאפט דארף ער האבן א שמירה, ער שלאפט דאך. וועלכעס איז די שמירה? די רשימה פון דעם גאנצן טאג דאס איז די שמירה, דאס בלייבט. ער זאל וויסן - דו זאלסט אפהיטן דעם טאג, אזוי אז אפילו בשעת דו וועסט שלאפן וועסטו אויך האבן א שומר זאל דיך היטן. די 'רשימו' פון דעם מח דאס גייט אריין אין די 'אמרות טהורות', איז דא א 'שומר', איז 'חלום על-ידי מלאך'.

❖

עס ווערט געבראכט, די שבטים האבן נישט געוואלט גלויבן יוסף'ס גרויסקייט, ער האט דאך געהאט אזעלכע חלומות - האבן זיי נישט געוואלט גלויבן אז ער איז אזוי גרויס אז ער זאל האבן אזעלכע הויכע חלומות - אזעלכע געוואלדיגע חלומות! מען

---

[מז] עיין ח"א דף קפ"ג ע"א.

[מח] עיין שם אות ז'.

האט אים געוויזן אז אלע וועלן האבן הכנעה צו אים, ער וועט זיין גרעסער פון אלע; צו אזעלכע חלומות דארף ער דאך זיין אזוי גרויס אז די חלומות זאלן זיין אזוי גרויס; האבן זיי דאס נישט געוואלט גלויבן - 'צו גרויסקייטן רעדט ער'. דער עיקר האבן זיי נישט געוואלט גלויבן אז בשעת ער איז וואכעדיג איז ער אזוי גרויס אז ער זאל האבן אזעלכע חלומות. אבער יוסף הצדיק איז טאקע געווען דער צדיק.

נאך איידער יוסף האט געהאט דעם נסיון - זאגט דער זוהר הקדוש[מט] - איז ער געווען דער 'צדיק עליון'. יעדער שבט איז געווען כלול פון עפעס א זאך פון יעקב'ן, יוסף איז געווען כלול פון 'ברית'. דער 'ברית' פון יעקב איז געווען יוסף - אזוי שטייט אין זוהר הקדוש, און בשעת יוסף איז אוועק, האט בנימין גענומען דעם ברית.

יוסף איז אזוי הייליג, ער איז דער צדיק, ער איז דער ברית פון יעקב אבינו; זיי האבן דאס נישט געוואלט גלויבן. דער רבי זאגט טאקע, עס איז אלץ תלוי אין 'תיקון הברית'; וואס דער מענטש האלט מער ביי 'תיקון הברית' איז די 'מוחין' זיינע שענער. האבן זיי נישט געוואלט גלויבן אז ער האט אזעלכע הייליגע 'מוחין' בייטאג - אז ביינאכט זאל ווערן אזעלכע חלומות, זיי האבן אים חושד געווען אויף אזא מין גאוה, ער האלט זיך צו גרויס. אבער אינ'אמת'ן איז נישט געווען אזוי, ער איז געווען אזוי הייליג - אז ער האט יא זוכה געווען צו האבן דעם 'חלום על-ידי מלאך'.

דאס איז ביי יעדן איינעם אזוי; עס איז דא א טאג און עס איז דא א נאכט; אז דער טאג איז אפגעהיט, דער עיקר איז - דער געדאנק, מען האלט דעם מח, דעמאלט 'בשעת שינה' וועסטו האבן א 'שומר' וואס וועט דיר אפהיטן, וועט זיין 'חלום על-ידי מלאך'.

דער עיקר איז - אפהיטן דעם געדאנק, מען זאל וויסן ווי אזוי דער געדאנק איז חשוב, מען זאל אים נישט אפלאזן[נ]; דער געדאנק האלט זיך נישט נאר מיט אסאך תורה-ותפילה.

---

[מט] ח"א דף קנ"ד ע"א.

[נ] עיין ליקוטי עצות ערך 'מחשבות והרהורים' (עפ"י ליקו"מ מ"ט): **כָּל תִּקּוּן הָאָדָם וְקִלְקוּלוֹ חַס וְשָׁלוֹם, הַכֹּל תָּלוּי בַּמַּחֲשָׁבָה שֶׁבַּלֵּב**, כִּי עִקַּר הַיְצָרִין הֵם הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַחָכְמוֹת שֶׁבַּלֵּב, כִּי מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת הֵם יֵצֶר טוֹב וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם יֵצֶר הָרָע.

דער רבי זאגט, דער 'דיבור' אליין איז א 'בחינת שינה'; די 'מוחין' מיט די 'דיבורים' איז אזוי ווי 'וואכעדיג' מיט 'שינה'. די מוחין זענען העכער, "מפיו דעת ותבונה", דער 'דעת ותבונה' גייט ארויס פון דעם מויל. קומט אויס אז די מוחין זענען העכער, איז די מוחין שיינען אריין אין דעם דיבור. איז אויך דאס אייגענע, ווענדליג דער מח איז אים אפגעהיט - אזא מויל האט ער, אזוי גייט ארויס פון אים 'אמרות טהורות'.

וואס זענען געווען די 'צדיקים', די 'אנשים כשרים ויראים'? דער עיקר - אז זיי האבן געהאט הייליגע מוחין, איז געווען אנדערע דיבורים, עס איז געווען 'אמרות טהורות', עס האט געקוויקט.

❖

"וזה בחינת (דניאל ז): 'וּשְׂעַר רֵאשֵׁהּ כַּעֲמַר נְקֵא'" - 'שערות' ווי 'ריינע וואל'. זאגט דער רבי: "'שער ראשֵה' איז 'התנוצצות המוחין', ווייל די שערות גייען ארויס פון די מוחין". יעדעס 'שער' איז געלעכערט (- כקנה חלול), די שערות איז א לבוש פון די מוחין. "אז די מוחין זענען נקיים וזכים, אזי נעשה גם מהרשימו בחינת מלאך. וזהו: 'כעמר נקֵא'. 'עמ"ר' איז ראשי תיבות: 'עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת' (תהלים קד), דאס איז די מלאכים וואס זיי ווערן דורך די 'רשימו', 'כשהמוחין נקיים וזכים'".

"ושער ראשה כעמר נקא"; די 'עושה מלאכיו רוחות' ווערן ווענדליג דער 'שער ראשֵה'; ווענדליג די מוחין אזוי ווערט 'עושה מלאכיו רוחות', 'חלום על-ידי מלאך'.

דער אויבערשטער שענקט אמאל א מענטשן א מתנה 'לפי שעה'; אבער 'אזוי' שענקט מען נישט, נאר אז מען היט זיך אפ גייט ארויס גוטע זאכן.

דער רבי רעדט דא אז די 'אמרות טהורות' קוויקן דעם נפש, די געפאלענע נשמות, מען דארף זיי קוויקן. זעהט מען ארויס דעם שלילי דערפון; אזוי ווי 'אמרות טהורות' קוויקט, אזוי חלילה אז מען רעדט אנדערע רייד, נארישקייטן, דברים בטלים, איז עס גאר מזיק דעם נפש, דאס איז ממית דעם נפש, מען פילט דאס גארנישט אינגאנצן.

אפילו מען רעדט נישט קיין לשון הרע, מען רעדט נאר אזוי פוסטע רייד, נארישע רייד, דאס איז א היזק פאר דעם נפש, עס מאכט קאליע דעם נפש, דעם נפש דארף מען קוויקן מיט גוטע דיבורים, און דער עיקר איז טאקע - מיט 'תורה-ותפילה', דאס

איז אוודאי 'אמרות טהורות', מען רעדט דיבורים פון דעם תכלית. אבער נישט 'סתם דיבורים' - 'סתם דיבורים' מאכט קאליע דעם נפש.

זאגט דער רבי: "אבל כשאין המוחין נקיים וזכים, אזי נעשה מבחינת שערות בחינת (ישעי' יג): 'וּשְׂעִירִים יְרַקְּדוּ שָׁם'. די 'שערות' וואס דאס איז די הארה פון די 'מוחין', ווערט עס שֵׁדים וואס טאנצן ארום דארטן...

איי איי, דער רבי זאגט דא, אז דער מח איז א הייליגער מח, איז עס 'מלאכים', אבער אז דער מח איז א קאליקער מח, טאנצן דארטן ארום 'שדים'; וואספארא געדאנק האט ער? נארישע געדאנקען - שדים טאנצן ארום דארטן. מען זאל זיך מתבונן זיין, אז איך טראכט גוטע געדאנקען, איז דאס מלאכים, גייען ארויס מלאכים דערפון, אז נישט - איז 'שעירים' - 'שדים' טאנצן ארום. "בחינת חלום על־ידי שד".

"וזה בחינת אדם ובהמה, בחינת חלום על־ידי מלאך" - דאס איז אדם, "וחלום על־ידי שד" - דאס איז בהמה. "כי חלום על־ידי מלאך זה בחינת אדם, בחינת (בראשית א): 'נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ'. 'כדמותינו' - דאס איז דער כח המדמה, וואס ער איז 'בצלמינו'". דער 'כדמותינו' דאס איז די מדמה, דער שלאף, אט דאס איז 'בצלמינו', בבחינת 'מלאך', בחינת 'חלום על־ידי מלאך'. און דאס איז 'אדם'.

"כי בשעת שינה המח מסתלק, עס בלייבט נישט איבער נאר דער 'כח המדמה', און אז די מוחין זענען זַכים, אזַי, איז דער כח המדמה וואס בלייבט איבער אויך 'בבחינת מלאך', בחינת: אז דער 'כדמותינו' איז אויך 'בצלמינו', דאס הייסט, דער כח המדמה איז בצלמינו, בבחינת מלאך, בחינת 'חלום על־ידי מלאך'. וזה בחינת 'אדם', כמו שכתוב: 'נַעֲשֶׂה אָדָם'".

באלד ביים אנהויב בריאה זאגט דער אויבערשטער - "נעשה אדם" - א מענטש וואס ער זאל זיין 'בצלמינו כדמותינו', אז בשעת דער מדמה, ביים שלאף, זאל ער אויך זיין 'בצלמינו', 'חלום על־ידי מלאך'.

"אבער 'חלום על־ידי שד' זה בחינת 'בהמה', בבחינת (חבקוק ב): 'וְשֹׁד בְּהֵמוֹת יְחִיתַן'".

"וזה בחינת (תהלים מט): 'אָדָם בִּיקָר בַּל יָלִין'". 'יקר' מיינט מען דאך 'תפילין'. "'אדם ביקר בל ילין' - א מענטש וואס שלאפט נישט מיט 'תפילין', היינו כשאינו לן וישן בִּ'יקָר' בבחינת 'תפילין'". אויב בשעת מען איז וואכעדיג איז די מוחין א בחינת תפילין, איז נאכדעם אז ער שלאפט, ליגט דארטן די רשימו פון די מוחין, שלאפט ער מיט די "תפילין"! קומט אויס אז די רשימה פון די תפילין ליגט אין דעם שלאף. אבער אז 'אדם ביקר בל ילין' - אז ער שלאפט נישט מיט 'יקר', בחינת 'תפילין', "היינו, אז ער איז נישט מזכך די מוחין בבחינת תפילין, דעמאלט איז 'נמשל כבהמות נדמו', איז די מדמה אזוי ווי א בהמה, היינו אז הכח המדמה בבחינת בהמה, בחינת חלום על-ידי שֵׁד שזה בחינת בהמה".

אז דער שכל איז א הייליגער שכל, א שכל צום אויבערשטן, מען טראכט פון דעם אויבערשטן, מען טראכט פון תורה, איז עס אַן 'אדם'. אבער טאמער טראכט מען נאר נארישע געדאנקען, מען מעג האבן דעם גרעסטן שכל - טאמער טראכט ער נישט פון אויבערשטן, איז עס 'בחינת בהמה', ער קען זיין דער גרעסטער חכם - ער איז א בהמה. אַן 'אדם' איז נאר אז איך טראכט פון דעם אויבערשטן, איך טראכט גוטע געדאנקען, דער מח איז מזוכך, דאס הייסט 'אדם', טאמער נישט, הייסט עס 'בהמה'.

די גרעסטע אפיקורסים זענען דאך 'חכמים' - און וואספארא חכמה איז ביי זיי? ער איז א בהמה! שלמה המלך זאגט[נא]: "לִקְנוֹת חָכְמָה וְלֶב אָיִן" - מען וויל זיך קויפן חכמה אבער מען האט נישט קיין הארץ. א הארץ איז 'מעשים טובים' און 'יראת שמים'; אָן קיין הארץ - וואספארא חכמה ווילסטו זיך קויפן?!

"וזה אותיות מלאך ראשי תיבות: כִּי לֵאלֹקִים מָגִנֵּי אֶרֶץ (שם מז)". אויבן האבן מיר געלערנט אז די 'מגיני ארץ' צעברעכן דעם 'חותם דסטרא אחרא', 'סגור חותם צר', און עס ווערט 'חותם דקדושה' דאס איז 'תפילין', 'מוחין'. "איז דערפון ווערט 'מלאך'". 'כ'י ל'אלקים מ'גיני א'רץ' איז ראשית תיבות מלא"ך. אזוי ווערט 'חלום על-ידי מלאך' - דורך די 'מגיני ארץ', זיי זענען מגין אויף דעם דור, זיי צעברעכן דעם חותם דסטרא אחרא און זיי מאכן דעם חותם דקדושה, ווערט דאך די מוחין, ווערט 'אמרות טהורות',

[נא] משלי יז, טז.

**ווערט דער 'מלאך', "על־ידי שמתקנין המוחין והתפילין כנ"ל, שעל־ידי־זה נעשה בחינת חלום על־ידי מלאך".**

❖

# 'שבעה אקלימים'

(אות י') דעם אנדערן חלק תורה ה' סעיף י'.

מיר האבן געלערנט אז 'חלום על־ידי מלאך' צו 'חלום על־ידי שד' דאס איז אלעס תלוי אין דעם מח; וואס דער מח איז מער אפגעהיט, איז דער חלום ריינער.

**זאגט דער רבי: "אבל יש גם להמאכלים חלק בחלום"** - די מאכלים האבן אויך א חלק אין דעם חלום, **"כי מן המאכלים עולים עשנים אל המח, ונצטיירין מהם חלומות בשינה"** - פון די עשנים פון די מאכלים ווערט מצוייר די חלומות אין דעם שלאף. **"על־כן צריכין לחזק את המלאך, כדי שלא יהיה נפגם החלום על־ידי המאכלים, כי כשאין חיזוק בהמלאך, אזי נפגם החלום על־ידי המאכלים, בבחינת חלום על־ידי שד ח"ו".**

דער רבי וועט ווייטער טייטשן וואס דאס מיינט. ['מאכל' איז אותיות 'מלאך'[נב]]. ווען זענען די מאכלים מזיק דעם חלום? אז דער מלאך האט נישט קיין חיזוק; דארף מען מחזק זיין דעם מלאך, דורך דעם וועט נישט דער חלום ווערן נפגע דורך די מאכלים.

**זאגט דער רבי: "עס איז דא שבעה אקלימים, און אויף יעדן אקלים איז דא א מלאך ממונה, בחינת** (זכרי' ד'): **'שִׁבְעָה עֵינֵי ה' הֵמָּה מְשׁוֹטְטִים בְּכָל הָאָרֶץ', ועל־כן בכל אקלים גדילים פירות אחרים** - ווענדליג דער ממונה וואס ער איז ממונה אויף דעם אקלים, **ועל־כן הם נחלקים לשבעה אקלימים, כנגד בחינת שבעה רועים, שהם בחינת תפילין, שמשם נעשין בחינת המלאכים** - ווי מען האט אויבן געלערנט".

---

[נב] עיין ביאור הליקוטים על תורה זו מאמר כ"ב.

׳חלום על־ידי מלאך׳, דאס הייסט, א ריינער חלום, דאס ווערט דורך די שבעה רועים, תפילין, דערפאר איז ער איינגעטיילט אויף ׳שבעה אקלימים׳, קעגן די ׳שבעה רועים׳.

״והשפע כשיורדת״. דער רבי רעדט דאך דא פון די מלאכים; אז די שפע גייט אראפ, ״מקבל אותה תחילה המלאך הממונה שם״ - דער מלאך וואס ער איז ממונה אויף דעם חלק, אויף דעם אקלים, איז ער מקבל פריער דער שפע. דער רבי מאכט א סדר ווי אזוי די שפע קומט אהערצו דא; פריער נעמט דער מלאך דער שפע.

״ואחר־כך יורדת דרך השדים השוכנים באויר״. אז דער שפע גייט דורך דער ׳אויר׳ און קומט אַן צו אונז, גייט זי דורך די שֵדים אויך, אבער זיי זענען מקבל דער שפע נאר ״בדרך מעבר לבד״, נישט קיין סאך, נאר ער גייט דורך, מיטן דורכגיין האבן זיי עפעס א יניקה, ״ואין יונקים ממנה רק כדי חיותם לבד״, מער - נישט, ״ואחר־כך יורדת השפע למטה, לאותו המקום והשדה שהשפע הולכת לשם״.

א סדר פון דער שפע: פריער נעמט דער שפע דער מלאך וואס ער איז ממונה אויף דעם ארט, נאכדעם גייט דער שפע ׳דרך מעבר׳, האבן די שדים אויך עפעס א יניקה, נאכדעם גייט דער שפע שוין צו דעם ארט, צו דעם פעלד, דארטן וואו זי דארף גיין.

״נאכדעם איז מקבל דער מלך דער שפע, בבחינת (דניאל ד): ׳אַנְתְּ הוּא מַלְכָּא׳ וכו׳, שנאמר שם על האילן ׳דמזון לכולא ביה׳ וכו׳״.

״וזה בחינת (קהלת ה): ׳מֶלֶךְ לְשָׂדֶה נֶעֱבָד׳, דער מלך איז מקבל דער שפע פון דער שדה, דאס הייסט, אז די שפע קומט אַן דא למטה, אָז מקבל אותה המלך.

״וכל אלו מקבלין מבחינת שד״י, ועל־כן, אלע ווערן אנגערופן על שם שד״י, דער ׳שד׳ איז על־שם שד״י, און ׳שדה׳ איז אויך על־שם שד״י, וכן העובד השדה נקרא על־שם שד״י, כמו שכתוב (ישעי׳ כח): ׳יְפַתַּח וִישַׂדֵּד אַדְמָתוֹ׳״.

דער רבי טייטשט דא אלעם על־שם שד״י; ביז דער שפע קומט אַן צו אונז, ווערט זי אלץ אנגערופן אויף דעם נאמען פון שד״י. צום ערשט נעמט דאך דער שפע דער מלאך וואס ער איז ממונה אויף דעם ארט.

"וכשבחינת המלאך חזק, אזי אין השדים מקבלין השפע רק דרך מעבר לבד" - אז דער מלאך וואס ער איז מקבל דער שפע, אויב ער איז שטארק, איז נאכדעם ווען עס גייט דורך די שדים, זענען זיי מקבל נאר 'דרך מעבר לבד', "ואין יונקים ממנה רק כדי חיותם לבד.

"אבער ח"ו אז דער כח המלאך ווערט נחלש, זענען די שדים מקבל דעם כח המלאך" - אז עס ווערט נחלש דער כח המלאך, האבן די שדים א גרעסערע יניקה, זענען זיי מקבל צו זיך דעם כח המלאך. "ואזי המאכלים הגדילים על ידם" - דורך די שדים, "איז אריינגעמישט אין זיי 'כח השד'" - עס ליגט שוין אין די מאכלים א כח פון שד, "כי הם קיבלו לתוכן ממש את כח המלאך".

"נמצא כשגדלים המאכלים, וואקסן זיי על־ידי תערובות כח השד, און ווען מען עסט די מאכלים, ווערט פון זיי א 'חלום על־ידי שד' ח"ו; ולא זו אף זו, כי גם הם יכולין לטמא את האדם ח"ו בשינה בטומאה הידוע ח"ו". אז זיי האבן א יניקה אין די מאכלים, קענען זיי מטמא זיין דעם מענטש מיט דער טומאה הידוע ח"ו, ווייל דער כח השד איז זייער אסאך אריינגעמישט אין די מאכלים.

"כי המלאך הוא בחינת אש, כמו שכתוב (יחזקאל א): 'מַרְאֵיהֶם כְּגַחֲלֵי אֵשׁ בּוֹעֲרוֹת כְּמַרְאֵה הַלַּפִּדִים', און ווען עס ווערט נחלש דער כח המלאך, און די שדים נעמען צו זיך דעם כח המלאך", האבן זיי שוין דעם 'כח האש' אויך, "אזי הם מחממין על־ידי האש הזה ומטמאין ח"ו בטומאה הנ"ל".

## מכניע זיין די שֵׁדים

"ועל־כן צריכין לחזק את המלאך". מיט וואס קען מען מחזק זיין דעם מלאך? זאגט דער רבי: "וחיזוק המלאך הוא על־ידי שמחה!

"בבחינת (משלי טו): 'לֵב שָׂמֵחַ יֵיטִב פָּנִים'. 'פנים' מיינט מען דעם 'מלאך', בחינת (ישעי' סג): 'וּמַלְאַךְ פָּנָיו הוֹשִׁיעָם'". א 'לב שמח' איז 'ייטב פנים' - ער מאכט לייכטן דעם מלאך, און ער איז מחזק דעם מלאך - "שנתחזק על־ידי לב שמח.

**"ועל־כן מקום המלאכים נקרא 'שחקים' על־שם 'שחוק' ושמחה, כי עיקר חיזוק המלאכים על־ידי שמחה כנ"ל.**

**"וזה בחינת השמחה של תפילין, כמו שאמרו רז"ל שרבי ירמיה הוה בדח טובא, ואמר, תפילין קאי מנחנא** (ברכות ל, ועיין תר"י שם)**".**

קומט אוים פון דאנעט: פריער האט דער רבי געזאגט אז פון תפילין ווערט 'חלום על־ידי מלאך'. נאכדעם זאגט דער רבי אז די מאכלים האבן אויך א חלק אין דעם חלום. קומט אוים, ביי 'מאכלים' איז אויך (די עצה) 'תפילין'; ביי 'מאכלים' מוז מען אויך אנקומען צו 'מוחין', צו 'תפילין'. די שמחה איז דאך פון תפילין, אזוי ווערט דער מלאך געשטארקט, קענען שוין די מאכלים נישט מזיק זיין[נג].

**"היינו על־ידי תפילין-מוחין נעשה בחינת המלאך כנ"ל, ועל־כן דארף מען האבן שמחה, כדי ליתן חיזוק להמלאך כנ"ל.**

**"ועל־כן, כשחלם לאדם חלום לא טוב, התיקון הוא תענית, כי תענית הוא בחינת שמחה, כמו שכתוב** (תהלים צ)**: 'שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ', שעל־ידי תענית נעשה שמחה, און דורך שמחה גיט מען 'חיזוק להמלאך', און מען איז מתקן און מכניע דעם חלום הרע, שהוא בחינת חלום על־ידי שד, שבא על־ידי שאין חיזוק בהמלאך".**

פון וואנעט איז געווארן דער 'חלום-רע'? עס איז געווארן, אז דער מלאך האט נישט געהאט קיין חיזוק, האבן די שדים גענומען א גרעסערן כח, איז געווארן דער חלום-רע; איז דער תיקון - 'תענית'; 'תענית' ברענגט 'שמחה' און גיט צוריק 'חיזוק' צום 'מלאך'.

**"ועל־כן מי שאין רוצה להתענות על החלום, זאגט מען אים דארטן - די מטיבין: 'לֵךְ אֱכֹל בְּשִׂמְחָה לַחְמֶךָ'** (קהלת ט)**, היינו שיהיה אכילתו בבחינת שמחה, שעל־ידי־זה מחזק את המלאך, ומכניע את השֵׁדים שעל ידם נתקלקל החלום על־ידי המאכלים".**

---

[נג] עיין בתורה שם בפנים לקמן באות י"ד בענין סוכות 'זמן שמחתינו'.

**דער רבי זאגט דא - דורך שמחה איז מען מכניע די שדים!**

אה, די שדים האבן א כח! א כח צו מאכן אין די מאכלים - מטמא זיין א מענטשן; און מיט שמחה איז מען מכניע דעם כח השד, מען גיט חיזוק דעם מלאך, האבן די שדים נישט קיין יניקה אין די מאכלים, קענען שוין די מאכלים נישט גורם זיין קיין הפסד פארן מענטשן.

**הכלל, מען דארף האבן 'שמחה'! א 'לב שמח'!**

די גמרא זאגט[נד]: "אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה"; "ימלא שחוק פיו" - הייסט א געלעכטער, דאס טאר מען טאקע נישט, אבער א 'לב שמח' דארף מען יא האבן, "יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי ה'"[נה], מען דארף האבן א 'לב שמח'.

רבי יוחנן האט געמיינט 'ימלא שחוק פיו' - א געלעכטער, דאס טאר מען טאקע נישט, אבער א 'לב שמח' דארף מען האבן, א 'לב שמח' איז א געוואלדיגע זאך אין אידישקייט, אזוי קען ער האבן דיבורים צום אויבערשטן[נו], ער קען רעדן דיבורים צום אויבערשטן, א 'לב שמח' איז א יסוד אין אידישקייט; א מענטש א מבקש ה' דארף 'שוין' האבן א 'לב שמח', זיין פריילך![נז]

**"ישמח לב מבקשי ה'"!**

(השואל: שמחה העלפט אפילו ווען דער כח השד איז נתערב אין דעם מאכל?) **יא יא; דער חלום-רע איז דאך געווארן ווייל דער שד האט געהאט א גרויסן כח, דארף מען דאך דעם שד מכניע זיין; דורך שמחה איז מען אים מכניע; מען איז אים מכניע, און מען גיט דעם מלאך דעם חיזוק.**

❖

נד גמ' ברכות לא.

נה תהלים קה, ג.

נו עיין שיחות הר"ן אות כ' ואות מ"ב.

נז עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: וְדַע, שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי 'עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא (זֹהַר נֹחַ דַּף עא), וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ'.

# 'שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ'

דער רבי זאגט: "תענית איז שמחה". אין דער תורה פון יום כיפור[נח] זאגט אויך דער רבי אזוי, אז דורך תענית ווערט אויפגעבויעט די 'קומת וחיות השמחה'. די שמחה ווערט אויפגעבויעט דורך תענית; "שמחנו כימות עיניתנו".

ביי אונז קוקט אויס א תענית 'מרה שחורה'דיג'... א תענית דארף ווערן 'שמחה' דערפון. ווייטער, א תענית דארף מען זייער היטן דעם טאג, אריינברענגען אין דעם תענית אסאך תורה-ותפילה, אסאך דיבורים טובים; וואס עס גייט אריין מער דיבורים טובים אין דעם תענית, האט עס אַן אנדער כח.

דער רבי ברענגט דארטן דעם זוהר[נט] - אויף יום כיפור: "בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה תְּעַנּוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם" - "שֶׁמַּעֲלַת הַתַּעֲנִית - לְאַכְנָעָא לִבָּא לְאַדְבְּקָא רְעוּתָא דְּלִבָּא לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא" - דער רצון פון דעם מענטשן זאל זיין צום אויבערשטן - אט דאס איז 'סגולת התענית', מכניע זיין די שלעכטע רצונות 'ולהדביק רעותא דליבא לקודשא בריך הוא', אט דאס איז די סגולה פון דעם תענית.

"בעצם היום הזה" - יום כיפור - דער טאג איז דאך א טאג פון א תענית, "תענו את נפשותיכם" - איז מען מכניע די שלעכטע רצונות. "נפשותיכם" מיינט מען די 'רצונות'. 'ולאדבקא רעותא דליבא לקודשא בריך הוא' , אט דאס איז די סגולה פון תענית.

דער רבי זאגט אין אַן אנדערע תורה[ס]: אין א טאג וואס מען עסט ווערט דער 'כבד' ניזון פריער - און דערנאך דער מח; אבער אין א טאג פון א תענית איז פארקערט, דער מח ווערט ניזון תחילה - און דערנאך דער כבד.

קומט אויס, א טאג פון א תענית איז א העכערע זאך, דער גאנצער טאג איז אַן אנדער טאג. פאר דעם מענטש איז עס שווער, אבער אין רוחניות איז עס אַן אנדערער

---

[נח] ליקוטי מוהר"ן סי' קע"ט.

[נט] פר' אחרי דף ס"ח

[ס] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ז אות ו'.

כח! א טאג וואס ער פאסט און ער טוהט נאך אין אידישקייט, ווערט פריער דער מח ניזון, עס ווערן גאר אנדערע צירופים.

**דא זאגט דער רבי אז א תענית איז שמחה!**

**א תענית איז שמחה!**

ווער שמועסט אז עס קומט טאקע א יום־כיפור, א טאג וואס ער איז כלול פון אלע טעג פון א גאנץ יאר[סא], "יומא דכליל כולהו יומין", דארף דאך אוודאי זיין א טאג פון שמחה. דערפאר שטייט טאקע[סב] אז מיט דאס וואס מיר פאסטן אום יום־כיפור זענען מיר 'דמיין למלאכים ממש' - מען איז גלייך צו מלאכים. מלאכים האבן נישט די אלע תענוגים; איז מיט די אלע ה' עינויים וואס מיר האבן - זענען מיר 'דמיין למלאכים ממש'.

דערפאר איז אזוי הייליג דער טאג - צו מלאכים ממש איז מען גלייך! ביי זיי איז נישט שייך קיין אכילה-ושתיה; מען מאכט דאך א ברכה 'בשם ומלכות' וואס מען האט דערלעבט דעם טאג, איז דאך עס א געוואלדיגע שמחה דער טאג. אפילו פאר דעם מענטש איז שוואך די כוחות, ער עסט דאך נישט, אבער אין הארצן דארף זיין א געוואלדיגע שמחה - 'וואספארא הייליגער טאג!' יעדע רגע איז א געוואלד, 'דמיין למלאכים ממש'!

און אט די שמחה איז מכניע די כח השדים. אומעטום קריכן זיי, דער מענטש אז ער פאסט, קריכן זיי אויך צו - 'דו פאסט - זיי כאטש נישט פרייליך, זיי כאטש נישט פרייליך, דו פאסט דאך, דו ביסט דאך הונגעריג'; דארף מען שטארקן זיך אין שמחה - אפילו די כוחות איז ביי מיר שוואך, אבער אין שמחה דארף מען זיך שטארקן. די שמחה גיט א חיזוק צום מלאך, האבן זיי שוין א קליינע יניקה פון די מלאכים, איז שוין דער חלום א חלום.

---

[סא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קע"ט הנ"ל: "וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם" - **זֶה יוֹם הַכִּפּוּרִים**, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם שֶׁהוּא תַּעֲנִית שֶׁמְּחַיֶּה כָּל הַיָּמִים, **כִּי יוֹם הַכִּפּוּרִים הוּא כְּלָלוּת כָּל הַיָּמִים**.

[סב] עיין טור או"ח סי' תרי"ט; הכוזרי מאמר שלישי אות ה'.

מיר גלויבן דאך אלץ וואס די צדיקים זאגן; מיר ווייסן - אז מען קויפט א ברויט - איך עס - און שוין - פארטיג? עס גייט דאך עפעס א שפע מלמעלה ביז עס קומט אָן דא!

כאטש יעדער איינער פאר זיך אז ער שטארקט זיך אין שמחה, איז די מאכלים וואס ער עסט זענען נישט מזיק און מאכן נישט קיין שלעכטע חלומות. אז ער שטארקט זיך אין שמחה, איז מצידו גיט ער א חיזוק צום מלאך. שמחה איז א גרויסע זאך.

[(ר' בערל: דער נאמען 'שד' שטאמט פון שד"י?) דעם י' האט ער נישט. דער רבי זאגט דא, דערפאר ווערן אלע זאכן אנגערופן על שם שד"י; שד"י איז דאך דער מלאך, דער מלאך מט"ט איז שם שד"י, ער באטרעפט דאך אזוי ווי שד"י; איז די אלע כוחות ווערן אלץ אנגערופן על-שם דעם נאמען, 'שדה', 'שודד', אלץ אויף דעם נאמען, אלץ פון דעם שם שד"י].

❖

## 'וּכְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא'

זאגט דער רבי: "ועיקר חיזוק המלאך הוא בניסן" - חודש ניסן, "וואָרום ניסן איז 'ראש השנה למלכים' (ר"ה ב.), ואז נתחדש כל ההתמנות של כל אחד ואחד, ואז נותנין לכל המלאכים ההתמנות שלהם". אויבן איז אויך דא - מען בייט א מלאך. "ואזי נתחדש הרצון של השי"ת, בחינת (דניאל ד): 'וּכְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא'" - אזוי ווי זיין רצון טוהט ער 'בחיל שמיא'. 'חיל שמיא' זענען די אלע מלאכים. "כי אז נותנין לכולם ההתמנות שלהם כרצונו יתברך, ואז יש להמאכלים שמחה ונתחזקין".

"כי אז בניסן הוא זמן הגאולה, כי 'בניסן נגאלו'. וזה ידוע" - זאגט דער רבי - "שעיקר גלות מצרים איז געווען צו פאררעכטן דעם חטא אדם הראשון, שהיו שֵׁדים מחממין אותו והוליד שדין וכו' (עירובין יח; בראשית רבה פר' כ')"; דאס איז געווען ק"ל שנה. "והחימום הוא על-ידי חלישת המלאך כנ"ל" - ווייל דער מלאך האט נישט דעם כח. "'ומחמת זה' איז געווען גלות מצרים, ובניסן נגאלו, איז פארראכטן

געווארן דעמאלט דער חטא אדם הראשון. נמצא שבניסן נתחזק כח המלאך, וואס דאס איז דער תיקון אויף דעם חטא אדם הראשון, שנתתקן בניסן, בעת גאולת מצרים כנ"ל".

"וזה שכתוב (שמות ז): 'וְהוֹצֵאתִי אֶת צִבְאֹתַי'. 'צבאותי' מיינט מען דאך 'מלאכים', די מלאכים 'שיצאו ונגאלו' בניסן". די מלאכים גייען אויך ארויס, זיי ווערן נתחזק, איז עס א גאולה אויף די מלאכים אויך, "כי אז נתחזקו ונתתקנו כנ"ל.

"ועל־כן, עיקר התחדשות הרצון, בחינת 'וכמצבייה עבד בחיל שמיא', הוא בניסן, דעמאלט איז דער 'זמן תיקון וחיזוק שלהם'".

קומט אוים, דער רבי זאגט דא, דער עיקר איז תלוי אין 'חודש ניסן'.

"אבל גם בכל השנה קען מען מחדש זיין דעם רצון דורך שמחה, כי על־ידי השמחה נותנין חיזוק בהמלאכים כנ"ל, ואזי נתעורר שמחה בהמלאכים כאילו נתחדש הרצון, בחינת: 'וכמצבייה עבד בחיל שמיא' באותו היום, כאילו קיבלו ההתמנות שלהם באותו היום".

שמחה ביי די מלאכים איז 'כאילו' ווי גלייך דעם טאג האבן זיי באקומען דאס התמנות.

"אבל עיקר התחדשות הרצון הוא בניסן, ואזי הוא עיקר חיזוק שלהם. ואזי בניסן וואלט ראוי געווען אז עס זאל בטל ווערן אינגאנצן די טומאה הנ"ל, מאחר שנתתקן ונתחזק כח המלאך כנ"ל".

❖

## 'ציון במשפט תפדה'

דער רבי וועט אבער ווייטער רעדן אַן אנדער שמועס גאר (בהמשך - אות י"א), אז די טומאה נעמט זיך פון גאר אַן אנדערע בחינה; ווייל עס איז דא 'רבנים ודיינים שאינם הגונים', דערפון נעמט זיך אויך די טומאה הנ"ל. דאס הייסט, ווייל עס איז דא 'דיינים

שאינם הגונים׳, ממילא גייט ארויס א פארקרימטן משפט, א נישט ריכטיגן משפט, ווערט רח״ל ׳אהבות הנפולות׳, ווערט ׳פגם הברית׳.

יעדער איינער וועט זיך איינרעדן זיך אז ער מצידו איז ער פארטיג... דער רבי איז אבער אסאך מאל מודיע אז יעדער איינער דארף וויסן אז ער זאל זעהן אז ׳מצידו׳ זאל ער נישט האבן קיין חלק אין די אלע קלקולים וואס טוהט זיך אפ אין דער וועלט. אין די אלע פגמים און אלע קלקולים וואס טוהט זיך אפ אין דער וועלט - זאל ער זעהן ער זאל נישט האבן קיין חלק אין דער זאך[סג].

אז עס מאכט זיך עפעס א זאך, איז מען מחוייב ׳להתפלל בעבורם׳, און ׳ממלא זיין דעם חסרון העולם׳, ׳ולעיין בכל עת בתיקון העולם׳. ווארום יעדער דארף זאגן: ״בשבילי נברא העולם״; איז דארף איך דאך זעהן עוסק צו זיין ׳בתיקון העולם ולמלאות חסרונם׳[סד]. פארוואס? ווייל אפשר קען זיין איך האב א חלק דערינען, אפשר האב איך א חלק אין דער זאך, אין דעם קלקול, אין ׳פגם המשפט׳, אין ׳דיינים שאינם הגונים׳; א געוואלד!

עס שטייט טאקע[סה]: ״צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה״ - דורך ׳משפט׳ וועט ׳ציון׳ ווערן אויסגעלייזט. מען רעדט דארטן אין דעם גאנצן קפיטל פון (הפטרת) שבת-חזון: ״סָבְאֵךְ מָהוּל בַּמָּיִם, שָׂרַיִךְ סוֹרְרִים, וְחַבְרֵי גַּנָּבִים, כֻּלּוֹ אֹהֵב שֹׁחַד, וְרֹדֵף שַׁלְמֹנִים, יָתוֹם לֹא יִשְׁפֹּטוּ, וְרִיב אַלְמָנָה לֹא יָבוֹא אֲלֵיהֶם״ - מען רעדט דארט נאר פון ׳פגם המשפט׳, נאר געלט זאכן. (און ער פירט אויס:) ״ציון במשפט תפדה״ - ציון וועט ווערן אויסגעלייזט דורך ׳משפט׳.

(המשך יבוא)

---

[סג] עיין ליקוטי מוהר״ן סי׳ ע״ט: הִנֵּה הַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לִרְאוֹת שֶׁמִּצִּדּוֹ לֹא יִהְיֶה עִכּוּב מְשִׁיחָא, דְּהַיְנוּ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה וּלְתַקֵּן מַעֲשָׂיו וכו׳.

[סד] עיין כל זה בליקוטי מוהר״ן ריש סי׳ ה׳.

[סה] ישעי׳ א, כז.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **שמעון ישראל פאזען** הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל אירוסי בנו החה"ח אלחנן למזל טוב

מו"ה **שמעון הלל פרנס** הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **נחמן שווארטץ** הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **לוי יצחק הערצאג** הי"ו (מאנסי)
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

מו"ה **אברהם משה שווארץ** הי"ו (מאנסי)
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה
בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

היות שההוצאות המכון ממשיכים בכל פעם לעלות

# אנא!

עמדו לצדינו להשתתף בההוצאות
כדי שנוכל להמשיך הלאה לזכות את הרבים